ח. נ. ביאַליק

שירים

(לידער און פּאָעמען)

כלל-פאַרלאַג
בערלין 1922 תרפ"ב

כלל-פארלאג



ח. נ. ביאליק

ח. נ. ביאַליק

שירים

(לידער און פּאָעמען)

כּלל-פֿאַרלאַג
בּערלין 1922 תרפ"ב

K L A L - V E R L A G
BERLIN SW 68 / MARKGRAFENSTRASSE 73

Copyright by Klal-Verlag, Berlin, 1922.

Klal-Druckerei Berlin.

ח. נ. ביאַליק

אינהאלט

I. נאַציאָנאַלע:

גלוסט זיך מיר ווייגען 1
אין שחיטה־שטאָט 2
דאָס לעצטע וואָרט 15
כ'בין נישט אויף אייער רוף געגאַנגען 22
אַ פרעהליכם 23
כ'וואָלט געוועזן אַ בעלן וויסען 26

II. איבערזעצונגען:

ביינקסט אויך נאָך דיינע קינדער (פון ר' יהודה הלוי) 31
ים־לידער (נאָך ר' יהודה הלוי) 33
די פרינצעסין שבת (פון היינע) 35

III. נאַטור:

אויף דעם הויכען בארג 43
עס האָט מיך פארפלאָנטעט 46
אונטער די גרינינקע בוימעלעך 48
מיין גאָרטען 49
ערב פריהלינג 56

IV. פרעמדע איבערזעצונגען:

ווינטער־לידער איבערז. שוואַרץ און ז. שניאור 63
אין פעלד „ הורוויץ 72
אַנטלויף 77
צום ווינט 78
אויפן בית־עולם איבערז. א. רייזין 79
וואו ביסטו? „ ש. גינזבערג 80
זי האָט מיר געשיקט אַ בריוועל איבערז. א. רייזין 81
ווי אַ שוץ מיר „ „ „ 84
באַנאַכט „ „ „ 85

v. פאָלקס-לידער:

צווישען פרת, חדקל — דאָרטען...	איבערז. י. מה־יפות	88
אין מיין גאָרטען	" " "	91
נעבען טייכעל שטעהט א פיכטע	" " "	93
ס'איז ארויס א נייע מאָדע	" " "	94
ניט באטאָג און ניט באנאכט	" " "	95
מע ווייס ניט, ווער איז זי...	" " "	97
גלין־גלינג — שוין ניטאָ איר...	" " "	100
יענער האָט א הויכען מויער	" " "	101
ווער ס'האָט פערל	" " "	103
איינס, צוויי, דריי, פיר	" " "	105
גלויב ניט...	" " "	107
פליהט אוועק די גאָלדנע פאווע...	" " "	108
עס טרעפט, דו מיינסט...	" " "	109

חַיִים נַחְמָן בּיאַלִיק

פון בעל־מחשבות

I

חיים נחמן ביאַליק, דער באַרימטסטער נאַציאָנאַל־אידישער פּאָעט פון אונזער צייט, איז געבוירען געוואָרען אין יאָר 1873 אין דאָרף ראַדי, וואָס עס געפינט זיך אין דער וואָלינער גובערניע. זיין פאָטער, אַ איד אַ למדן, אָבער נישט קיין בעל־מוצלח, האָט געהאַלטען צוליב דער אָרימער פרנסה וועגען אַ קרעטשמע באַם עק דאָרף.

די ערשטע קינדהייט פון קליינעם נחמנ׳דעל איז אַריבער אין אַ פרייער ריינער לופט פון אַ גויאישען דאָרף, נישט ווייט פון די גרויסע און געדיכטע וועלדער, וואָס האָבען זיך געצויגען צום טאַטענס קרעטשמע.

אויך שפּעטער, ווען דער טאַטע האָט פאַרלאָזען דאָס דערפעל און האָט זיך באַזעצט אין זשיטאָמיר אין שטאָט, נעבען די שיינע און מאַלערישע ברעגעס פון טייך טעטערעוו, — איז דער קליינער נחמנ׳דעל נאָך נישט געווען אַזוי דערווייטערט פון גאָטס נאַטור, ווי אַן אַנדער אידיש קינד, וואָס וואַקסט אין די שאָטענס פון אידישע שטעטלעך און שטעט.

אָפשר האָט די השגחה מיט אַ כּיון געוואָלט, אַז דער צוקינפטיגער פּאָעט זאָל איינזויגען שוין פון קינדהייט אויף די שיינקייט פון גאָטס וועלט? אָפשר האָט זי אים שוין פאָרויס צוגעגרייט דעם באַלזאַם, וואָס זאָל לינדערן זיינע שמערצען אין די טעג, ווען אויף זיינע ליפּען וועלען זיך טראָגען ביטערע קללות אויף זיך, אויף זיין פאָלק און אויף דער גאַנצער וועלט?

צו זיבען יאָר איז ביאַליק געוואָרען אַ יתום. כּל זמן דער טאַטע האָט נאָך געלעבט, איז די נויט נישט געווען אַזוי גרויס; נאָכן טויט אָבער פון זיין פאָטער איז באַלד אַריין דער דלות אין הויז פון קליינעם נחמן און האָט זיך דאָרטען ברייט צעזעצט, ווי אַ צווייטער בעל־הבית.

ווער עס וויל זיך פאָרשטעלען די שוידערהאַפטע אָרימקייט, וואָס האָט געהערשט אין שטוב פון קליינעם ביאַליקען, דער זאָל דורכלייענען זיין ליד „שירתי“ (מיין ליד), וואו דער פּאָעט ערקלערט דעם לעזער אַ פאַרערגערטער פול מיט עקעל און ביטערקייט, פון וואַנען עס האָט זיך גענומען באַ אים דער קוואַל פון זיין ליד. זיין לערמייסטער איז געווען דער גריל, וואָס גרילצט תּמיד אין די אָרימע הייזער, וואו דער אויווען איז שטענדיג קאַלט און וואו די שטילע נעדריקטקייט פון נויט און צרות־ליידען, פון שטענדינען אָנגעוועהטיגט זיין — מאַכט הילכיגער און גרילצענדיגער דעם גריל אונטערן אויווען.

דער גריל איז געווען דער זינגער, וואָס האָט אים אויסגעלערנט זינגען און וואָס האָט קיינ־מאָל נישט געפעלט אין כאָר, ווען זיין אומעטיגע שטים האָט אָנגעהויבען עפּעס טרויעריג צו טערעליקען.

„ווען מיין טאַטע האָט צוליב אָרימקייט געמאַכט פון אַ שבת אַ וואָכעדיגען טאָג; בשעת אויפן טיש האָט געפעלט דער וויין צו קדוש און די ווייסינקע חלות; ווען מאָגערע חלב'נע, רויכערדיגע ברהנע ליכטלעך האָבען געוואָרפען מיאוסע שאָטענס אויף די ווענט; און זיבען קינדער, האַלב פאַרהונגערט, האַלב פאַרשלאָפען זענען געזעסען אָנגעשפּאַרט אָן טיש, און די מאַמע האָט אַ פאַראומערטע געהאָרכט, ווי זייערע מאַטע שטימען באַגריסען די „מלאכי־השרת“; ווען דער טאַטע, ווי אַ פאַרשולדיגטער, אַ דערשלאָגענער און אַ פאַרצאָגטער, האָט געשניטען מיט אַ טעמפּען מעסער דאָס שוואַרצע ברויט און דעם עק פון הערינג...

„מיר האָבען נאָך נישט צעקייט דאָס שוואַרצע שטיקעל ברויט, איינגעטונקט אין זאַלץ, און שוין אָנגעהויבען נאָכצוזינגען דעם טאַטען מיט אַ פּוסטען בויך און אַ ליידיגען מאָגען די זמירות, — דעמאָלסט האָט זיך אויך דער גריל באַהעפט צו אונזער זמירות־כאָר, און האָט זמירות־דיג געגרילצט פון זיין פינסטערען שפּאַלט“ (שירתי).

נאָכן פאָטערס טויט איז ביאַליק אַריבער צו זיין זיידען, אַ שטרייענגען, פאַנאַטישען אידען, וואָס האָט פיינט געהאַט די פרעהליכע נאַאיווע שטיפעריי פון אַ יונג קינד. ביאַליק, זייענדיג אונטער דער שטרייענגער השגחה פון זיין זיידען, האָט געמוזט שטאַרק אַנטוויקלען זיין כח הדמיון און פּאָעטישע איינבילדונגס־קראַפט, אום צו קאָנען כאָטש אין דער פינסטער לעבען, אַזוי ווי אים גלוסט זיך אַליין, נישט ווי עס גלוסט זיך זיין זיידען. זעהר אָפט פלעגט ער זיך ראַטעווען פון זיין זיידענס שטרייענגע לעבענס־גענג דורכדעם, וואָס ער פלעגט אַוועק ווייט־ווייט הינטערן שטאָט און זיך אָפּגעבען אינגאַנצען אַזוינע נאַטור־איינדריקען, וואָס באַם זיידען איז דאָס געווען אַ גרויסע עבירה און אַ מיאוסער חטא.

חיים נחמן ביאַליק האָט זיך זעהר שנעל אַנטוויקעלט. שוין צו צוועלף יאָר האָט ער אָנגעהויבען זיך באַקאַנען מיטן „כוזרי“, „מורה נבוכים“, מיט די מיטעלאַלטערליכע אידישע פילאָזאָפען, מיטן „זוהר“, מיט ספרים פון קבלה און חסידות א. אז. וו. צו דרייצען יאָר האָט ער פאַרלאָזען דעם חדר מיט די רביים און אַוועק אין בית־המדרש לערנען פאַר זיך.

דאָס בית־המדרש'ל, וואו ער האָט געלערנט, איז געווען באַם עק שטאָט. זעלטען ווען עס פלעגט דאָרט אַריינקומען ווער, חוץ בשעת דאַווענען. די פאַרשידענאַרטיגע געפילען פון אַ בחור, וואָס לערנט אַליין פאַר זיך, עלענד און איינזאַם אין ערגעץ אַ פאַרוואָרפענעם בית־המדרשל, האָט געפונען שפּעטער באַם דיכטער אַ וואונדערליך פּאָעטישען און טיפען אָפּקלאַנג אין זיין פּאָעמע „דער מתמיד“, וואָס דער לעזער געפינט דאָ אין דער איבערזעצונג פון שוואַרץ, און וועגען וועלכער עס וועט נאָך אונז אויסקומען צו ריידען.

דורך אַ צופאַל האָט נחמן זיך באַקאַנט מיט איינינע ספרים פון דער נייע־העברעאישער ליטעראַטור, און דער דאָזיגער צופאַל האָט געמאַכט אַן איבערקערעניש אין זיין געפילס־לעבען. ביאַליקען האָט זיך שטאַרק פאַרוואָלט אַריינדרינגען אין די נייע אידייען און קענטעניסען, און אַזוי ווי וואָלאָזשין האָט דעמאָלסט גע'שם'ט, אַז אינאיינעם מיט גמרא און יורה דעה, לערנט מען אין דער באַרימטער ישיבה אַלגעמיינע למודים — האָט זיך ביאַליק אוועקגעלאָזען קיין וואָלאָזשין.

אין סוף פון די אַכציגער יאָרען און אין אָנפאַנג פון די ניינציגער אין פאָריגען יאָרהונדערט, ביז צו דער צייט, ווען די רעגירונג האָט צוגעמאַכט די וואָלאָזשינער ישיבה — איז אויך וואָלאָזשין געווען דאָס אָרט, וואו ס'זענען אַריינגעדרונגען די נייסטע אידייען, וואָס האָבען שפּעטער אַזוי באַפרוכפּערט דאָס אידישע לעבען. אין דער דאָזיגער באַרימטער ישיבה האָבען שטענדיג געקעמפט באַ די ישיבה־בחורים צוויי געדאַנקען־וועלטען, די קאָנסערוואַטיווע אַלטע אידישע אויפפאַסונג פון לעבען און די נייע רעוואָלוציאָנערע, וואָס האָט געוואָלט צופּאַסען די נייע מאָדערנע אידייען צו דער אַלטער אידישקייט. אין דער צייט פון השכלה און שפּעטער זענען עס געווען די פאַר־באַהאַלטענע משכילים, וואָס זענען „פאַרשטאָכען“ געוואָרען פון אַ ריב"ל, אַ ר' מרדכי אהרן גינצבורג, און אברהם מאפו, וועלכע האָבען אויסגעדריקט די נייע אידייען. אין דער צייט פון חבת־ציון זענען עס געווען די פאַרבאַהאַלטענע חובבי־ציון אונטער די יונגע־לייט, די תלמידים

פון ליליענבלום און שפּעטער פון אחד־העם, וואָס האָבן געקעמפט קעגן דער פאַרגליווערטער אַלט־אָרטאָדאָקסער אידישער אויפפאַסונג און מיט דער גאַנצער ערליכקייט און התלהבות פון אַ יונגער נשמה געמיהט זיך איבערצואַנדערשען די אַלטע אָפּגעלעבטע פאָרמען דורך נייע פרישערע, געזוכט צו פאַרבינדען דאָס אייבּיגע פון אידענטום מיט דעם נוצליכען און גרויסען פון דער לעבעדיגער צייט.

ח. נ. ביאַליק איז גראָד געקומען אין דער וואָלאָזשינער ישיבה, ווען דאָס נייע, לעבעדיגע אין אידענטום אין געשטאַלט פון חבת־ציון האָט צעשפּרייט זיינע פליגלען אויף איטליכען פילענ־דען און דיינקענדען יונגענמאַן, פאַרכאַפּט מיט דעם צויבער פון זייער שיינקייט און וואָרהאַפטיגקייט.

ס'איז אַ גרויסער שאָדען וואָס קיינער פון ביאַליקס ביאָגראַפען שטעלען זיך גענויער נישט אָפּ אויף דער וואָלאָזשינער עפּאָכע פון זיין לעבען. ווען מען נעמט די יאָרען פון ביאַליקס לערן־צייט אין דער וואָלאָזשינער ישיבה פון היסטאָרישען שטאַנדפּונקט, פילט מען, אַז די דאָזיגע צייט האָט געמוזט האָבען אויפן דיכטער דעם טיפסטען איינפלוס; אַז די מענשען און די חברים פון דער ישיבה, וואָס האָבען דורכגעלעבט דעמאָלסט די פרישע לעבעדיגע צייט פון חבת־ציון, האָבען געמוזט געוואַלטיג ווירקען אויף ביאַליקס צאַרטער פּאָעטישער נשמה, האָבען אים געמוזט אומבאַוואוסטזיניג, נעבען דעם ערשטען גרויסען שטויס צו דער אַרט פּאָעזיע, אין וואָס ביאַליק האָט באַוויזען שפּעטער אַזוינע גרויסע וואונדער.

נאָר ווי געזאָגט, די וואָלאָזשינער עפּאָכע פון ביאַליקס יוגענט־צייט איז נאָך ווייניג אויס־געפאָרשט געוואָרען, און מיר מוזען זיך נאָר באַגנוגענען מיט דער פאָלגענדער באַמערקונג.

ס'איז אָנגענומען צו שרייבען, ווען מען פאַרצעהלט ביאַליקס ביאָגראַפיע, אַז דעם ערשטען און שטאַרקסטען איינפלוס האָט געהאַט אויף ביאַליקען דאָס, וואָס ער האָט זיך באַקאַנט מיט אחד־העמס אַרטיקלען (אחד־העמס „על פּרשת דרכים" אַלס בוך איז אַרויס אַ סך שפּעטער). דער, וואָס האָט אָבער אַ קליינע פאָרשטעלונג פון דעם לעבען אין וואָלאָזשינער ישיבה אין דער צייט, ווען ביאַליק האָט דאָרטען געלערנט, מוז אָבער, נישט ווילענדיג, זוכען פריהערדיגע איינ־פלוסען אויף דעם דיכטערס צאַרטער נשמה.

אודאי האָט אחד־העם געשפּילט אין ביאַליקס לעבען אַ גרויסע ראָלע, אָבער, ווי מיר דוכט זיך, האָבען נאָך געמוזט פאַר אחד־העם קומען אַנדערע השפּעות, ווען מען באַדיינקט, אַז אין דעם קרייז פון די ישיבה־לייט, וואָס האָבען זיך געלערנט אינאיינעם מיט ביאַליקען, זענען געווען פילע אויסגעצייכענטע קעפּ, וואָס האָבען שפּעטער אַ גרויסען אָנטייל גענומען אין דער אידישער אויפ־לעבונגס־באַוועגונג.

ביאַליק איז אין דער ישיבה לאַנג נישט געבליבען. ער האָט זיך גיך איבערצייגט, אַז דאָס, צו וואָס ער שטרעבט, וועט ער אין דער ישיבה נישט באַקומען, און באַלד האָט ער זיך טאַקע גענומען צו אַלגעמיינע קענטעניסען, לעבעדיגע שפּראַכען און מאָדערנע וויסענשאַפטען.

פון דער נייע־העבּרעאישער ליטעראַטור האָבען שטאַרקער ווי אַלץ געווירקט אויף אים די שריפטען פון חבת־ציון־דיינקער אחד־העם (א. גינזבערג).

אין זיין באַקאַנטען שיר צו אחד־העמען רופט ער אים מיט דער דאַנקבאַרקייט פון אַ פּאָעט „מיין לערער", „מיין וועג־ווייזער", „מיין שטערן".

ביאַליק האָט זיך מיט התמדה גענומען ערלערנען די רוסישע שפּראַך. דאָס ערשטע רוסישע בוך, וואָס ער האָט געלייענט, איז געווען דעם באַקאַנטען רוסיש־אידישען דיכטער שמואל פרוגס לידער. באַלד דערויף האָט ער אָנגעשריבען זיין ערשטעס נאַציאָנאַל־אידיש ליד „אֶל צפּורי" (צו מיין פייגעלע).

ביאַליק איז אַוועק קיין אָדעס, זיך פאַרפאָלשטענדיגען אין אַלגעמיינע למודים, אָבער ער איז דאָרט לאַנג נישט געבליבען. דער טויט פון זיידען האָט אים געצוואונגען אַוועקצופאָרען קיין זשיטאָמיר. נאָכן זיידענס טויט (1891) איז די אָרימקייט פון ביאַליק שוין געוואָרען אַזוי נישט צו דערהאַלטען, אַז ער האָט זיך געמוזט נעמען פאַר עפּעס אַ מסחר, צו פאַרדינען אויף חיונה.

צוערשט האָט ער געהאַנדעלט מיט וואַלד, דערנאָך איז ער אַוועק קיין סאָסנאָוויץ, וואו ער האָט געגעבן שטונדען און זיך ביסלעכווייז באַשעפטיגט פאַר זיך מיט ליטעראַטור. פון צייט צו צייט פלעגט זיך באַווייזען אַ געדיכט פון זיין פעדער, וואָס פלעגט ווערען געדרוקט מערסטענטיילס אין אָדעסער העברעאישע אַלמאַנאַכען און אין „השלח“, אחד־העמס מאָנאַטס־זשורנאַל. אין אַ קורצע צייט האָט ביאַליקס פּאָעזיע געמאַכט אַזאַ טיפען איינדרוק אויף די בעסערע קענער פון דער ליטעראַטור, אַז זיינע פריינט און פאַרעהרער האָט זיך איינגעגעבן אים אַריבערצופירען קיין אָדעס, און אים שאַפען די מעגליכקייט צו אַרבעטען אויף דעם פעלד, וואָס פּאַסט פאַר זיין טאַלענט און טיפע פּעדאַגאָגישע נייגונגען.

פון דענסטמאָל אָן לעבט ביאַליק שטענדיג אין אָדעס.

אינאיינעם מיט ראַווניצקי און בן־ציון האָט ער שפּעטער געגרינדעט אין אָדעס דעם אויסגעצייכענטען העברעאישען פאַרלאַג „מוריה“. גלייכצייטיג איז ער געוואָרען צוערשט אַ נאָהענטער מיטאַרבעטער פון „השלח“ און דערנאָך דער צווייטער רעדאַקטאָר, צוזאַמען מיט ד״ר יוסף קלויזנער.

זיין פּאָעמע „מעיר ההריגה“ (אויף אידיש — „די שחיטה־שטאָט“, פון דיכטער אַליין איבערגעאַרבעט), געשריבען אין 1903, נאָכן קישענעווער פּאָגראָם, האָט ביאַליקען געמאַכט פאַר דעם גרויסען פּאָעט נישט נאָר פאַר קענער, נאָר פאַר איטליכען לעזער פון דער גאַס. מען קאָן זאָגען, אַז ביאַליק איז דער איינציגער אין דער געשיכטע פון דער אידישער ליטעראַטור, וואָס האָט אין איין נאַכט און מיט איין ווערק באַקומען אַזאַ געוואַלטיגע און בשר־פאַדינגטע פּאָפּולאַריטעט אין אַלע קלאַסען פון אידישען פאָלק.

זייט דעם וואַקסט ביאַליקס פּאָפּולאַריטעט מיט יעדען יאָר.

אין יאָר 1904 איז ביאַליק געווען אין פּאַלעסטינאַ און האָט דאָרט געהאַט אַזאַ קבלת־פּנים, וואָס דאָס קאָן נאָר באַקומען אַ מענש, וועלכער האָט מיט זיין גייסט אויסגעדריקט דאָס בעסטע און פאַרבאַהאַלטענסטע, וואָס ליגט אין די טיפענישען פון דער פאָלקס־נשמה. די העברעאישע פּאָעזיע האָט געהאַט אַ סך טאַלענטען; דעם נאָמען „נאַציאָנאַלער פּאָעט“ האָט נאָר ערליך פאַרדינט איינער, און דאָס איז — חיים נחמן ביאַליק.

II

„פון שטאָל און אייזען, קאַלט און האַרט און שטום שמיד אויס אַ האַרץ פאַר זיך, דו מענש, — און קום!“ — מיט די דאָזיגע מוראָדיגע ווערטער הייבט אָן ביאַליק זיין באַריהמטע פּאָעמע „אין שחיטה־שטאָט“. די דאָזיגע ווערטער כאַראַקטעריזירען אויך שטאַרק דעם פּאָפּולערסטען טייל פון ביאַליקס פּאָעזיע. ער האָט אויסגעשמידט פון זיין האַרץ עפּעס אַ שטאָלערנס, האַרטעס, עפּעס געמאַכט פון אים אַזאַ געדיכטען, פעסטען עקסטראַקט פון פאַרביטערטקייט, צאָרן, שמערץ און כעס, אַז איטליך וואָרט, וואָס קומט פון דעם דאָזיגען האַרצען, ווירקט, ווי אַ קלאַפּ פון אַ דונער, ווי דער סם פון אַ שטאַרק פאַרקאָכטען גיפט. זיינע נאַציאָנאַלע פּאָעטישע שעפּפונגען: „גראָז איז דאָס פאָלק“, „הימעל, בעט פאַר מיר רחמים“, „דאָס לעצטע וואָרט“, „די שחיטה־שטאָט“ און אַנד. פירען אַזאַ שפּראַך, געברויכען אַזוינע ווערטער, וואָס קריצען זיך איין אין דער נשמה פון לעזער, ווי ווען מען וואָלט מיט אַ שאַרפען גריפעל זיי פאַרצייכענט אין זיין מאַרך. דאָס זענען נישט פּאָעטישע בילדער אין געוועהנליכען זין פון וואָרט; אַ סך פון זיי צייכענען זיך בכלל נישט אויס מיט דער גרויסער בילדער־פאַנטאַזיע (ווי, למשל, „די שחיטה־שטאָט“, וואו די פאַנטאַסטיק פון די בילדער איז נאָר נישט אַזוי רייך און מאַכט דעם איינדרוק פון דערציילטע אמתע פאַקטען), ווי מיט דעם נעפּילס־טאָן, מיט וועלכען די בילדער זענען דורכגעדרונגען. און דער טאָן איז אַזוי פאַרביטערט, אַזוי פול מיט דעם גיפט פון צער און צאָרן, אַזוי גאַליג, פאַרצווייפעלט און ווילד און זיך פאַרביסען, אַז זיי ווירקען פיל שטאַרקער, ווי מאַנכע פון די גרעסטע פּאָעטישע פאַנטאַזיע־בילדער.

אין זיי לעבט דער אָטעם פון דעם, וואָס איך וואָלט אָנגערופען נביאישע פּאָעזיע. דאָס בילד בליצט מער אויף אינם איינצעלנעם וואָרט, ווי אין גאַנצען געמעל, די קראַפט פון זייער פּאָעזיע ליגט מער אין דעם שטאַרקען מעכטיגען געפיל פון פּאָעט, ווי אין די נישט־ערוואַרטעטע בילדער, וואָס דאַרפען אַרויסרופען דאָס געווינשטע געפיל.

ווען מיר לייענען „אין דער שחיטה־שטאָט“: „די זון וועט דיר מיט שפּיזען אויסשטעכען די אויגען, אַקאַציען מיט פרישע גרינס־ און ווייס־באַצוויגען, וועלען סמ׳ען מיטן ריח פון בלוט און בליטען“, — זעהען מיר נישט קיין בילד פאַר זיך, נאָר מיר דערשפּירען דאָס טיפע ביטערע געפיל פון אַן אָנגעווערהטיגטען געמיט, אָנגעוועהטיגט איבער אַלע גרעניצען. ווען ביאַליק זאָגט דאָרטען:

„און מאָרגען געה אַרויס אין גאַס, בן־אָדם, —
און זעה! אַ מאַרק פון לעבעדיגע בראָכוואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב־טויטע מענשען־ווערים,
צעבראָכענע און אויסגעקרימטע רוקענס“ א. א. וו.

זעהען מיר ווידער נישט פאַר זיך קיין בילד אין געוועהנליכען זין, נאָר מיר פילען דעם גרויסען עקעל און די קאָלט־ביטערע פאַראַכטונג, וואָס דער פּאָעט פילט צו די מענשען, וואָס פּטרן אָפּ זייער איינציגע שאַנד מיט אַן „אל מלא רחמים“ פאַר די אומשולדיגע געשאָכטענע קרבנות. ווען דער פּאָעט, אַלס נביא, דערהערט גאָטס וואָרט, וואָס זאָגט:

„צו שווער דער יאָך, איך קאָן נישט מער!...
געה רייס פון זייער האַרץ אַן „אוי“,
שים אויס פון זייער אויג אַ טרער!
און שווער זאָל זיין די טרער און ביטער,
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ
אַזוי — אַז ד׳ערד זאָל טון אַ ציטער
און אָפּטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס“ — („דאָס לעצטע וואָרט“)

ניט ער אונז דאָ נישט קיין בילד, וואָס צייכענט זיך אויס מיט זיינע ליניען אין אונזער דמיון, נאָר ער מאָלט אונז מיט ווערטער אַ געוואַלטיג מאָראַלישעס געפיל, וואָס רייסט זיך אַרויס פון אַ שטאַרקער מעכטיגער ברוסט מיט אַ נישט־מענשליכען כח.

ווען דער נביא האָפט נאָך, אַז זיין וואָרט פון טרייסט וועט ברייינגען אַן איבערקערעניש אין דער נשמה פון זיין פאָלק, וואָס ווייסט און פילט און ווערגט זיך שטיל מיט טרערען און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט, און ער צעגיסט זיך אין די ווערטער:

„איך געה, איך קום, — כ׳וועל היילען וואונדען,
מיט אייך אינאיינעם וועל איך בלוטען,
און וואו מען דאַרף, וועל איך פאַרבינדען,
און וואו מען מוז, וועל איך אָפּלעקען
דאָס בלוט, וואָס טריפט פון אייער וואונד.
כ׳וועל טרייסטען, בעטען, וויינען, וועקען —
און וועל ניט לאָזען געהן צום גרונד!
איך געה, איך קום, — איך טראָג אַ טרייסט,
איך טראָג אַ בשורה פון נחמה“!—

דעמאָלסט זעהען מיר פאַר זיך נישט קיין בילד פון אַ נביא, פון אַ מענשען, נאָר דאָס בילד פון געפילען, וואָס צעגיסען זיך מיט אַ גרויסער קראַפט און ווילען מיט דעם איינענעם פייער דער־וואַרעמען אַ צעבראָכען, פאַרדאַרט האַרץ.

ח. נ. ביאַליק איז נישט דער פּאָעט פון זעהונגען און בילדער, נאָר דער פּאָעט פון געפילען. די איינצעלנע בילדער, וואָס וואַרפען זיך דורך, זענען בא אים נישט די הויפּט־זאַך. נישט אין דער אָפּגעטאָקטער אויסאַרבעטונג פון געמעל ליגט ביאַליקס הויפּט־קראַפט, נאָר אין דעם, וואָס ער זוכט שטענדיג אַריינצופּאַסען זיין רייך, שטאַרק געפיל אין די געוועהנליכע ווערטער פון דער שפּראַך. נאָר אזוי ווי די געוועהנליכע ווערטער פון דער שפּראַך קלעקען נישט פאַר זיינע שטורעמדיגע געפילען — באַנוצט ער זיי, ווי מען באַנוצט די גראָבע נאַסענדיגע ברוקיר־שטיינער, ווען מען וויל בויען אַ טורעם אָדער אַ בערגעל צו אַ מזבח. ער נעמט צענדליגער ברוקיר־שטיינער אויף אַמאָל, ער נעמט אַ סך ווערטער, — שוין אָפּשר צו פיל ווערטער אויף אַמאָל, — נאָר אַזוי, אַז פון זיי אַלעמען צוזאַמען זאָל אַרויס עפּעס ענליכעס צו דעם, וואָס ער פילט אין זיין שטורעמדיגען געמיט, דען אויך אין נראָהע ברוקיר־שטיינער לעבט גאָטס אָטעם.

ווען מען זאָל וועלען קורץ אָפּשאַצען דעם הויפּט־ווערט פון ביאַליקס פּאָעזיע, קאָן מען זאָגען, אַז ער איז דער ערשטער פּאָעט בא אונז, וואָס האָט אַנטפּלעקט און געפונען די פאָרם פאַר דער פּאָעזיע פון די שטאַרקסטע מעכטיגסטע געפילען אין אונזער געפּיינינטער נשמה. דאָס איז נישט די געוועהנליכע ליריק, וואָס האָט שטענדיג צו טון מיט אַ געפיל פון אַ שטילערען טאָן, און וואָס קאָן זיך לייכט צופּאַסען צו אַ קאָנקרעטען ליניען־געמעל, און וואָס איז מערסטענטיילס שטאַרק סוביעקטיוו.

ביאַליקס פּאָעזיע איז די העכסטע ליריק, וואָס זויל אָביעקטיוו אויסדריקען נישט נאָר דאָס סוביעקטיווע ליידען, נאָר די ליידען און קוואַלען פון אַ גאַנצען פאָלק, וואָס איז צוגלייך זיין פאָלק.

דערום איז ביאַליקס פּאָעזיע אזוי ענליך צו דער נביאישער. עס פלאַקערט אין איר אַ שטורעמדיגע נשמה, עס צאַפּעלט אין איר שטענדיג אַ אומרוהיג צעבלוטיגט הארץ, וואָס וואַרפט אַרום זיך מיט אַ קראַנץ פון שטראַלען, פון אַ שטראַלענדיגען געפילס־לעבען.

ווען איך האָב געזאָגט, אַז ביאַליק איז דער ערשטער פּאָעט בא אונז, וואָס רעדט מיט אונז אין געפילען, נישט אין בילדער, וויל איך דערמיט נישט זאָגען, אַז ער איז אַריבערגעשטיגען די נביאים; דער חלוק צווישען זיי און ביאַליקען איז צו גרויס, אַז איך זאָל וועלען דורכפירען דעם פאַרגלייך ביז צום סוף. שוין דאָס אַליין, וואָס די נביאים האָבען אונז צוגלייך מיט זייער רייכען געפילס־לעבען איבערגעגעבען בירושה אייביגע מענשליכע אידעאַלען, שוין דאָס אַליין, וואָס חוץ דער קללה זייערער, חוץ דעם עקעל זייערען, וואָס זיי האָבען געפילט צו די מענשען, וואָס ווילען נישט הערען גאָטס וואָרט, האָבען זיי אונז אָנגעצייכענט דעם וועג, וואָס פירט צו דעם איינציג ריכטיגען לעבען, — שוין דאָס אַליין שיידט ביאַליקען אָפּ מילענווייט פון די נביאים. דען ביאַליק, בא אַלע זיינע גרויסע גייסטיגע און פּאָעטישע מעלות, בא דעם גאַנצען כח פון זיין נאַציאָנאַל־פילענדען הארץ, נישט קוקענדיג דערויף, וואָס גאָט האָט אים געבענשט און פאַרשאָלטען צו טרינקען פון דעם סולען, איבערפולען „בעכער פון צער און צאָרן“, — בא אַלעם דעם, איז ביאַליק אַלס נעדאַנקען־מענש (נישט אַלס געפילס־מענש!) אַ קינד פון אונזער צייט, דער נדול, וועלכער איז געשטאַנען אין איין וואוקס מיט דער עפּאָכע, וואָס האָט אים אויסגעהאָדעוועט, — אָבער נישט דער גרויסער גייסט, וואָס צייכענט אָן דעם וועג פאַר קינפטיגע צייטען, וואָס שפּרייט אויס זיינע פליגלען איבער דער וויטער צוקונפט, וואָס פילט נישט דעם ציטער פון די שאָטענס, וואָס קומען שוין פון די צוקינפטיגע וועלטען.

די נביאים אָבער זענען געווען נישט נאָר דאָס גרויסע הארץ פון פאָלק ישראל — זיי זענען אויך געווען די גרויסע מענשען, וואָס האָבען געפילט די שאָטענס פון די קומענדיגע פעלקער און די קומענדיגע וועלטען; זיי זענען אויך צייטענווייז געווען דאָס גרויסע הארץ פון אַלע פעלקער, וואָס „בשם ה׳ יקראו“.

ח. נ. ביאַליק איז נישט דער גאַנצער נביא, ווען מען קלערט וועגען אַ ישעיהו, אָבער ווען מען פאַרגלייכט אים מיט די שפּעטערדיגע נביאים, מיט אַ חבקוק, מיט אַ מלאכי, אפילו מיט אַ

יחזקאל — שיינט שוין נישט צו זיין דער דאָזיגער פאַרגלייך א נוזמא פון א באַנייסטערטען ביאַליק־פאַרעהרער.

איצט, ווען מיר קערען זיך צוריק צום אָנפאַנג פון אונזער קאַפּיטעל, ווערט אויך פאַרשטענדליך, פאַרוואָס ביאַליק האָט זיך גענומען אויסשמידען א האַרץ פון שטאָל, פאַרשטעהען מיר שוין, פאַרוואָס איז דאָס בילד פון פאָעטס האַרצען אזוי כאַראַקטעריסטיש פאַר אים. ביאַליקס געפילס־לעבען איז צו שטאַרק, צו שאַרף, צו רייך, אז א געוועהנליך האַרץ, וואָס איז ווייך און נישט פעסט, זאָל דאָס קאָנען אויסהאַלטען. דער עקעל, דער כעס, דער צער, די פאַראַכטונג, איז צו גיפטיג, אז א פשוט האַרץ זאָל נישט ווערען פאַר׳סמ׳ט פון דעם ביטערען געפיל־שטראָם.

ס׳איז אויך שטאַרק כאַראַקטעריסטיש פאַר ביאַליקען, וואָס ער האָט ליב אזוי אין זיינע פּאָעטישע זעהונגען די ווערטער „שטום“, „איינגעהאַלטען“, „א נישט־אויסגעוויינטע טרער“:

לי דמעה אחת נאמנה
שבסתר לבי אסבלנה
ובשולי נפשי היא נצפנה („דמעה נאמנה“)...
עוד דמעה כבירה בלבבי נצפנה („לא תמח במהרה“)

אָפּט מאָל איז דער שמערץ אזוי גרויס, אז מיט א זיפץ, א טרער קאָן מען נאָר פאַרשוועכען די גרויסקייט.

אָפּט מאָל איז די פאַרביטערונג, דער צאָרן אויף זיך, אויף דער וועלט, אויף גאָט אזוי גע־וואַלטיג, אז מען קאָן נאָר מיט פיבערדיגע טרוקענע אויגען קוקען אויף דער ווילדער בלינדער עלעמענטאַרער קראַפט, וואָס צעשטערט אזוי אומברחמנותדיג בליהענדיגע לעבענס און אידעאַל פילענדיגע הערצער.

אָפּט מאָל צעוואַקסט זיך אזוי גרויס דאָס אונמאָראַלישע, די אומגערעכטיגקייט, אז מען הויבט אָן זיך מיאוס זיין אין דער גערעכטיגקייט פון האַרען אין דער וועלט — און מען שעמט זיך פאַר דעם קאַלטען אכזר זיך פאַרטאַוסען מיט א טרער.

ביאַליק פאַרגראָבט דעמאָלסט זיינע ביטערע געפילען טיף אין שטאָלערנעם האַרצען און ציהט פון זיי אויס א שרעקליך געטראַנק, וואָס זאָל זיך אמאָל צעגיסען איבער דער קאָרע פון דער ערד, אז די זאָל אין שטיקער צעשפּאָלטען ווערען, וואָס זאָל אמאָל זיך צעשפּריצען און צעפליהען אין דער לופט מיט איר שטיקענדען אָטעם און פאַרגיפטען די בלויע הימלען, וואָס האָבען נאָר א ליבען שמייכעל פאַר די גרעסטע אכזריותען, וואָס קומען טאָג־טעגליך פאָר אין דער מענשען־וועלט. („די שהיטה־שטאָט“, „בקשו רחמים עלי“, „מגילת האש“).

אפילו אויך דעמאָלסט, ווען ביאַליק צעגיסט זיך אין ווערטער מיט אזא באַריידונגס־קראַפט, אז עס הויבט זיך — ער וועט קיינמאָל נישט אויפהערען — אויך דעמאָלסט פילען מיר, אז עס רעדט צו אונז אן אָנגעפילט האַרץ, וואָס מוז נאָך א סך מער איבערלאָזען, איינהאַלטען, איינ־שטומען אין זיך, ווי דאָס, וואָס עס רעדט זיך אַרויס.

ווען דער נביא רעדט, פאַרפולט פון צער און רחמנות:

„איך געה, איך קום, כ׳וועל היילען וואונדען“ א. אז. וו. (זעה אויבען) —

פילט מען נאָך דעם גאַנצען טאָן נאָך, אז דאָס גיסט זיך נאָר אַרויס א קליינער שטראָם פון דעם גרויסען געפילס־קוואַל, וואָס שטורעמט אין נביאס האַרצען. אויך ווען ער צערעדט זיך אזוי שטאַרק, פילען מיר, אז דאָס גרעסטע, וואָס איז געבליבען אינעווייניג, איז נאָך נישט אַרויס־געזאָגט געוואָרען.

דען דאָס איז שוין די פּסיכאָלאָגישע נאַטור פון דעם געפילס־מענשען, אז דער גרעסטער שאַץ פון ווערטער איז נישט בכח איבערצוגעבען דאָס גאַנצע פון זיין האַרצען. גראַד ווען אזוינע מענשען שיטען מיט ווערטער אָהן א ברעג און אָהן א סוף — זעהט מען, ווי שטום איז זייער לשון פאַר דאָס טיפסטע פון זייער האַרץ.

ביאַליק, אַלס דער גרויסער געפילס־מענש, פאַרוואונדערט אונז מיט זיין איינגעהאַלטענקייט, שטומקייט, מיט זיין קורצקייט פון זיין בילד, קנאַפּקייט, וואונדערליכער אָפּגעוואויגענקייט און אָפּגעמאָסטענקייט פון זיין וואָרט אין פּאָעטישען זאַץ — און צוגלייך דערטרינקט ער אונז אין אַ מבול פון ווערטער און בילדער, וואָס מאַכען אויף אונז אָפט מאָל דעם איינדרוק פון אַ צוזאַמענגעוואָרפען בערגעל פון בריליאַנטען, דימענטען, שטיינער און זאַמד.

אָבער דאָ, ווי דאָרטען, איז עס דער אייגענער ביאַליק, וואָס רעדט מיט אונז די שפּראַך פון געפילען, אַ שפּראַך, וואָס קאָן זיין שטום, ווען זי צעגיסט זיך אין אַ ים ווערטער, און וואָס קאָן זיין געוואַלטיג באַריידעוודיג, ווען זי זאָגט נאָר איין וואָרט, אַ וואָרט, האַרט, פעסט, געשליפען און שטראַלענדיג, ווי אַ בריליאַנט.

ווען ביאַליק איז שטום, קורץ און קנאַפּ, קלינגט מאַנכמאָל זיין וואָרט, ווי דער אייגאיינציגער קלונג אין דער שטילער פינסטערער נאַכט פון אַ גלאָק אין אַ טורעם.

ווען ביאַליק צעגיסט זיך אין אַ סך ווערטער, ברויזט פאַר דעם האָרכענדען אויער אונטער דעם שטראָם ווערטער — אַ גרויסער ברייטער טייך, וואָס איז אויפגערודערט געוואָרען ביז צו זיינע גרונטען.

עס איז, לויט מיין מיינונג, נישט ריכטיג, ווען מען באַשולדיגט ביאַליקען אין דעם, וואָס זיינע פּאָעמען זענען נישט האַרמאָניש אין דער ליניע, אין געביי, אין בילד. זיי האָבען אַן אייגענע האַרמאָניע, די האַרמאָניע פון טיפע געפילען און ליידענשאַפטען, וואָס האָבען באַקומען לשון. אין זיי איז די האַרמאָניע פון אַ פאַרצווייטען טייך, וואָס רייסט זיך דורך אַ קליינע עפענונג אין אַ שטיינערנער וואַנט.

ווער עס ווערט נישט מיטגעריסען מיטן שטראָם, האָט פון זיין קראַפט נישט גענאָסען, פאַרלאַנגט פון אים עסטעטישע האַרמאָניע, קורץ, פאַרלאַנגט פון אים רוה, אין דער צייט, ווען ער איז די קראַפט, די באַוועגונג, דער שטורעם...

III

ווען מיר לייענען בא ביאַליקען:

„אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפּילען זיך משה'לעך, שלמה'לעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה'לעך —
אידעלעך פריש פון די אייעלעך.
גופ'עלעך — שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעם און צעבלאָז זיי אויף גלידערלעך —
כאַפּען זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און עס צעטראָגען זיי פייגעלעך“...

אָדער:

„עס האָט מיך פאַרפּלאָנטעט מיט גרינס און מיט בלומען,
וואו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצען פון שטראַלען,
וואו ס'ציטערט די לופט פון דעם גרילצען און זשומען —
און איך בין פאַר'כשופ'ט צו דר'ערד צוגעפאַלען“...

אָדער ווען מיר נעמען זיינע באַרימט־געוואָרענע „צפרירים“, „זוהר“, ווען „איבער מיין פענסטער־געזימס כאַפּען זיך אויף די נעסטען פייגעלעך און יובצען און צווויטשערן „צוויטש“, „צוויטש“! אָהן אַ סוף, און אין דעם גלאַנץ פון מיין שויב הויבען אָן די מאָרגענדיגע שד'לעך צו פינטלען און ווינקען מיט אַזא שטיפערישען חן. זיי טאַנצען און פינקלען מיט אַ יובצענדער ווילדקייט, באַהעפטען זיך, ווי טויבען, אָן גלאָז פון מיין שויב, גלעטען און דרינגען איין מיט אַ ליכט, וואָס עס שטראָמט און וואָס עס צעגיסט און צעפּלייצט זיך איבער מיר“. (צפרירים). —

אָדער זיין „עס פּתיחת החלוק”, וואו „עס בּרעכען זיך דורך טויזענטער גלאַנצען, פאַרגיסען מיט ליכט די בּאַלקענס, די ווענט, אַלע ווינקעלעך, וואָס האָבּען מיט אַמאָל פול נעמאַכט איטליכס לאָך מיט דעם גאָלד זייערען”...

האָבּען מיר נישט קיין פעטע ליניען פון אַ בּילד, וואָס מען קאָן מאָלען, נאָר בּאַקומען דורך דעם פּאָעטס ווערטער אַ בּילד פון עפּעס אַ בּאַוועגליכער זאַך, וואָס רופט בּאַ אונז אַרויס עטוואָס ענליכעס צו דעם געפיל, וואָס עס האָט איצט דורכגעלעבּט דער פּאָעט.

ח. נ. בּיאַליק, וואָס מיהט זיך שטענדיג אויסצודריקען אין פּאָעטישע ווערטער אַ געפיל, עפּעס אַזוינס, וואָס איז שטענדיג אין שטראָמענדיגען צושטאַנד, וואָס האָט נישט קיין קלאָרען אָנפאַנג און קיין קלאָרען סוף, וואָס איז תּמיד אין דער בּחינה פון אַן עצם (אַן אָבּיעקט), וואָס ווערט געוואָרפען און געשליידערט, געיאָגט און געטריבּען, קורץ — בּאַוועגט אויף אַלע אופנים — איז געוואָרען דער מאָלער פון דער בּאַוועגונג אין דער נאַטור, און כּמעט נאָר פון דער בּאַוועגונג.

בּיאַליק קען נישט די רוהיגע מאָלערישע ליניע, ווי ער קען נישט, מיט זעלטענע אויסנאַמען, דעם רוהיגען צושטאַנד פון עפּעס אַ זאַך אין דער נאַטור. און ווען מיר געפינען בּאַ בּיאַליקען עפּעס אַזוינס, וואָס איז ענליך צו מאָלעריי — וועט איר דעמאָלסט בּאַמערקען בּאַלד, אַז נישט צוליבּ דעם איז אים אַרויס דאָס בּילד מאָלעריש קלאָר, ווייל ער האָט גענומען אַ וויינינער טאַנ־צענדיגע ליניע, נאָר דערפאַר, ווייל זיין געפיל איז אַזוי שוין אַזוי שוואַך אין דער בּאַוועגונג, אַזוי מעלאַנכאָליש־מאַט, כּמעט קריכענדיג, אַז דאָס געפיל קומט ממילא אַרויס מאָלערישער און רוהיגער אין זיינע מאַטע ליניען (זעה „מכתב קטן לי כתבה”, „הכניסני תחת כנפיך” א. אנד.).

אין דעם ליגט אויך דער גרויסער אונטערשיד צווישען די געוועהנליכע ליריקער אין דער ליטעראַטור און דער ליריק פון בּיאַליקען. בּאַ די מייסטע ליריקער ווערט דאָס געפיל איינגעפאַסט אין אַ רוהיגע מאָלערישע ליניע, צוליבּ וואָס דאָס געפיל פאַרלירט אָפט אין זיין קראַפט, דערפאַר אָבּער טרעט דאָס אַרויס, כּאָטש אָפּגעשוואַכט, נאָר אַנגענעם און עסטעטיש פאַרן געניסער פון דער קונסט. בּאַ בּיאַליקען אָבּער איז זיין לירישע שטימונג די הויפּט־זאַך; ער ווערט דאָס געפילטע קיינמאָל נישט וועלען אָנטון אַ קליידעל, כּאָטש פון אַ פּרינצעסין, ווען דאָס וועט ליידען אין דער בּאַוועגליכקייטס־קראַפט. ער וועט בּעסער בּלייבּען בּאַ דעם „בּאַרבּאַר” אין דער קונסט, לויט דעם איראָפּעאישען פאַרפיינערטען געשמאַק, נאָר ער וועט נישט מותּר זיין אויף איין צאַפּעל און ציטער פון זיין אינעווייניגסטען געפיל.

וויל מען בּיאַליקען געניסען ווי עס דאַרף צו זיין, מוז מען זיך זעצען אויף די פליגלען פון זיין שטורעמדיגען האַרצען, מוז מען זיך אָפּזאָגען פון די ווייכע זעסלען אין פּאָעטישען כאַלאָן־וואַגאָן, וואָס זענען מיט אַ כּיון בּאַ די עסטעטישע ליריקער אויסגעבּעט מיט גוטע שפּרינג־פעדערן.

בּיאַליק אַלס פּאָעט איז נאַטירליך, עלעמענטאַר און האָט נישט די קליינע הילפס־מיטלען, די קליינע פּיילעכלעך, מיט וועלכע עס בּאַנוצט זיך אַזוי שטאַרק דער מאָדערנער איראָפּעאישער פּאָעט, וואָס איז אַזוי מוראדיג אָנגעזעטיגט מיט קונסט, עסטעטיק און נאָך אַזוינע נוטינקייטען, אַז עס קומט שוין בּאַ אים אַרויס, ווי אַ קלייד פון אַ גרויסען פּאַריזער מאָדען־שניידער, וואָס וואַרעמט מער דאָס אויג, ווי דעם פרירענדיגען גוף, וואָס קיצעלט מער אונזערע מאַנסבּילשע געפילען, ווי ס'דערוועקט אַ טיפע, שטומע ליידענשאַפט.

מאַנכמאָל שטעלט זיך מיר בּיאַליק פאָר, ווי דער גִבּר אין דאָרף, וואָס פאַרלאָזט זיך מער אויף די מוסקלען פון זיינע געזונטע קרעפטיגע הענט, ווי מאַנכער בּחור אויף זיין שטעקען און דובּינקע. ער גלויבּט מער אין זיין אייגענעם כּח, ווי אין דעם כּח פון דער דובּינקע, וואָס ער צעבּרעכט דאָס לייכט, ווי אַ שוועבּעלע.

ס'וועלען זיך אָפשר געפינען מענשען־מפונקים, וואָס וועלען זיך בּאַקלאָגען דערויף, וואָס אונזער בּיאַליק האַלט נישט פון איראָפּעאישען פּראַק. פאַר דעם אָבּער, פאַר ווען די עכטע פּאָעזיע איז די קראַפט פון אויסדרוק, איז די מאַכט איינצוזוימען אַ שטורמיג עכט געפיל אין

הארטע גלאנציגע ווערטער פון א שפראך — וועט זיך פרעהען, וואָס דער אייראָפּעאישער פראק ווערט צעשפארט פון ביאליקס מעכטיגער, שטענדיג באוועגליכער ברוסט.

ווען איך זאָל פרובען וועלען אין קורצע ווערטער אָפּשאצען דעם הויפּט־פּונקט אין ביאליקס פערזענליכקייט, וואָלט איך זאָגען, אז ער איז איינער פון די ווייניגע גרויסע פּאָעטען, וואָס האָט געפונען אין דעם קינסטלערישען וואָרט דעם אויסדרוק פאר די קאפּריזע ווילען־באוועגונג אין דעם מענשענס נשמה, ווי אין א טייל פון דער נאטור.

אקוראט ווי, למשל, דער גרויסער אידישער מאָלער איזראעלס, און דערנאָך ליבערמאן, האָט צוערשט באוויזען, אז מיט א פּענזעל פון א מאָלער איז מעגליך איבערצוגעבען די באוועגונג פון א ווינטעל, א ווינט, א שטורעם אויף א טויטען הארטען לייוועגט, — אָט אזוי האָט אונז ביאליק געגעבען א מוסטער, ווי מען קאָן אין הארטע טויטע ווערטער אריינבלאָזען דעם ריטם פון א נשמה, וואָס צאפּעלט זיך אין דער שטורעמדיגער באוועגונג פון א טיף געפיל, דעם טאנצענדיגען ריטם פון א גארב ליכט־שטראלען, וואָס רייכען זיך אריין דורך א שפּאלט פון א פארמאכטען פענסטער, אָדער וואָס פארפּלאָנטערן זיך אין די שאָטענס פון א געדיכטען וועלדעל בא א שטיל פאר־באהאלטענעם טייכעל.

ביאליק איז דער מייסטער פון דער באוועגונג אין וואָרט, ווי מאנכע גרויסע מאָלער אין בילד.

און ווען מען באטראכט נאָך, אז די איבערגאבע פון דער באוועגונג אין דער נאטור איז איינע פון די הויפּט־אויפגאבען און הויפּט־פּראָבלעמען פון דער מאָדערנער קונסט, פון דער גאנצער קינסטלערישער וועלט — פון די אימפּרעסיאָניסטען ביז צו די לעצטע פוטוריסטען — זעהען מיר, אז ביאליק, דער עלעמענטארער בארבארישער ביאליק, דער ביאליק, וואָס ווייס אפילו נישט פון די קלאסישע גריכישע מוסטערן, און וויל פון זיי נישט וויסען (לייען דר. יוסף קלויזנערס ארטיקעל וועגען ביאליקען), איז דער מאָדערנסטער פּאָעט נישט נאָר בא אונז, נאָר אויך אין דער אלגעמיינער אייראָפּעאישער ליטעראטור.

IV

אין די פריגע קאפּיטלען האָבען מיר געפּרובט ארויסצושיילען דעם קערן פון ביאליקס פּאָעטישער פערזענליכקייט, מיר האָבען געזוכט אים אָפּצוגרעניצען פון אנדערע פּאָעטישע נאטורען, און דורכדעם אים בולטער ארויסצושטעלען פאר דעם לעזערס אויגען. מיר האָבען געמיהט זיך, אז מיטן נאָמען ביאליק זאָל דער לעזער פארבינדען די פאָרשטעלונגען, וואָס האר־מאָנירען מיט דעם כאראקטער פון זיין פּאָעזיע.

איצט אָבער וועלען מיר אין קורצען באהאנדלען ביאליקען אלס דיכטער סתם, וואָס פארמאָגט הוץ זיינע אויבענדערמאָנטע געניאלע מעלות נאָך א סך אנדערע פּאָעטישע מעלות, וועלכע שטעלען אים אין איין רייה מיט אלע באגאבטע אויפריכטיגע דיכטער פון זיין צייט און פאר זיין צייט.

ביאליק האָט אונז געגעבען א גאנצע רייה פון אויסגעצייכענטע לירישע לידער. די פּאָעמע „המתמיד" צייגט אונז ביאליקען אלס גוטען ליריקער און אלס דעם, וואָס איז צוגלייך מיט פייערבערגען און אנדערע פון זיין יוגענט־צייט געשטאנען אויף דער גרעניץ פון ראָמאנטיק און רעאלער קריטיק. ביאליקס „מתמיד" איז נישט די שילדערונג פון א געוויסען כאראקטער אָדער טיפּ, נאָר די אומעטיגע, ווייכע, ראָמאנטישע און צוגלייך רעאל־קריטישע, פארביטערטע באציהונג צום אידישען בית־המדרש, וועגען וועלכען פייערבערג האָט אמאָל געזאָגט, אז „עס איז דאָס פינטעלע פון דער וועלט".

אין א גאנצען ציקל שירים האָט ביאליק אונז געשילדערט די אָרימקייט, עלענדקייט פון א אידישער איינגעלשער נשמה, און אויך דאָ האָט ער נישט געהאט אזוי אין זינען די אָרימקייט פון

איינצעלנעם אין אַ קלאַס, ווי די אָרימקייט בכלל, וואָס צעטרעט מיט איר ברודינער לאַפּצע די שענסטע בלומען און שפּראָצונגען אונטער גאָטס הימעל.

מיר געפינען אויך בײַ ביאַליקען אַ סך פּאָעטישע ווערק, וואו ער כאַפּט אַזוי קונציג דעם טאָן פון דעם פאָלקס־מענשען מיט זיינע קליינע ליידען אין דער סביבה פון אַ קליינשטעטלדיגען לעבען (זעה „מיין גאָרטען" א. אנד.).

ביאַליק האָט געוויזען דאָס מייסטער־שטיק אַריינצופּאַסען דאָס נאַאיווע אידישע פאָלקס־ליד אין דער אַלטער העברעאיש־אַראַמעאישער שפּראַך פון אונזערע אורעלטערן, און דערביי נישט צו פאַרלירען קיין איין טאָן פון דעם דאָזיגען פאָלקס־ליד, וואָס ווערט געזונגען פון דעם אידישען שוסטער און שניידער, פון דעם פּראָסט־אידישען כלה־מיידעל.

עס געפינען זיך אויך הומאָריסטישע לידער בײַ ביאַליקען, וואָס פאַרוואונדערן אונז מיט דער בויגיגקייט פון דער שפּראַך און מיט דעם געזונטען הילכיגען לאַכען, וואָס קוויקעלט זיך אין זיי.

חוץ דעם, האָט ביאַליק אונז באַשיינקט מיט עטליכע נאָוועלען, פון וועלכע „אריה בעל גוף" איז געוואָרען זעהר פּאָפּולער.

ווען מען נעמט נאָך ביאַליקען אַלס פּראָזע־שרייבער, וואָס איז אין אַ געוויסען זין דער גרויסער תלמיד פון דעם זיידען ר' מענדעלע, און אַ טייל פון זיינע פּובליציסטישע זאַכען, — דעמאָלסט קאָן מען זיך אומגעפער פאָרשטעלען, ווי רייך און פילזייטיג איז ביאַליק אַלס פּאָעט, פּראָזאאיקער און פּובליציסט.

V

ביאַליק האָט זיינע גרעסטע און באַדייטענדסטע ווערק געשריבען אין העברעאיש. דער לעזער, וואָס באַקומט היינט די געזאַמעלטע פּאָעזיע פון ביאַליקס פעדער אין אידיש, זעהט שוין, ווי ווייניג ביאַליק האָט זיך גענוצט מיטן אידיש פאַר זיינע פּאָעטישע געפילען און איבערלעבענישען.

וויל מען ריכטיג באַגרייפען, וואָס פאַר אַ גרויסע ראָלע ביאַליק האָט געשפּילט פאַר דער שאַפונג פון דער ניי־העברעאישער שפּראַך — מוז מען לייענען ביאַליקען אין אָריגינאַל.

איטליכער, וואָס וויל קענען געניי דעם גייסט פון אונזער לעצטער צייט, קאָן בכלל נישט אויסקומען אָהן העברעאיש. דער, וואָס וויל אָבער אַריינדרינגען ספּעציעל אין דעם גייסט פון ביאַליקען, מוז שוין אודאי גרינדליך קענען די שפּראַך פון פּאָעט.

נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אַריינצולאָזען אין אַ שמועס וועגען ביאַליקען אַלס דעם גאונישען שעפער פון דער מאָדערנער העברעאישער שפּראַך.

מיר ווילען נאָר אָנווייזען, אַז כאָטש ביאַליק האָט אַזוי ווייניג געאַרבעט אויפן אָרימען, קוים באַאַקערטען פעלד פון פּראָסט־אידיש, פונדעסטוועגען האָט ער אויך מיט דעם ווייניגען שטאַרק באַפרוכפּערט די אידישע שפּראַך.

מען דאַרף נאָר נעמען דאָס ביסעלע, וואָס מען האָט געזאַמעלט פון אידישען ביאַליק, אום דאָס קלאָר צו זעהן.

ביז ביאַליקען איז דאָס אידיש כמעט נישט געווען מסוגל אויף אויסצודריקען שטאַרקע, מעכטיגע געפילען. פון דער שפּראַך האָט עס געשמעקט מיט דעם „נעבעכעל", וואָס ליגט פאַרבאַהאַלטען הינטער איטליכען אידישען ביכעל.

אַזאַ געוואַלטיג־קרעפטיגע, מוראדיג־גבורהדיגע שפּראַך האָבען מיר צוערשט כמעט דערהערט אין אידיש, דערנאָך ווי עס איז אַרויס זיין „שחיטה־שטאָט", איבערגעאַרבעט פון פּאָעט אַליין אין אידישען. אויך „דאָס לעצטע וואָרט" האָט אַריינגעבראַכט אין אידיש אַ שטאַרקען געזונטען הויך פון בערג־לופט, האָט אונז געוויזען, אַז אויך דאָס אידיש איז פעהיג צו קלינגען אַמאָל אַזוי גרויס און מעכטיג, ווי די שפּראַך פון אַ נביא.

איטליכער פּאָעט, אַפילו דער ווייניג־באַגאַבטער, פאָרמט און העלפט ווייטער שאַפען די שפּראַך, וואָס איז אים געקומען בירושה. דער גרויסער פּאָעט אָבער גיט דעם שאַפונגס־פּראָצעס פון דער

שפראך אמאָל אזא געוואַלטיגען שטויס, אַז אין אַ קורצער צייט פון עטליכע דורות ווערט זי נישט צו דערקענען, צוליב די נייע רייכקייטן, די נייע אוצרות, וואָס זענען איר צוגעקומען.

די דייטשען געדיינקען נאָך ביז היינט לוטהערן, געטהען, ניצשען, וואָס האָבען איטליכער באַזונדער געגעבען דער שפראַך גאָר אַ נייערע געשטאַלט.

פאַר דער אַנטוויקלונג פון העברעאיש וועט ביאַליק נישט שפּילען קיין קלענערע ראָלע, ווי ס. כאַטאַנאָווער, י. גאָרדאָן, מענדעלע.

אָבער אויך די אידישע שפראַך האָט ער געהאָלפען אין איר שווערען אַנטוויקלונגס־וועג.

דען בּאַ דעם פּאָעט איז די שפראַך, ווי דער ליים בּאַם סקולפּטאָר; ווירט ער זיך נאָר צו איר צו, מוז זי שוין ווערען עפּעס אַנדערש, מוז זי שוין בּאַקומען אַ פאָרם.

ביאַליק האָט אויך דער אידישער שפראַך געגעבען זיין פאָרם, האָט אויך אין איר אַריינגעלעגט אַ שטיק פון זיין גבורה.

I

נאַציאָנאַלע

גלוסט זיך מיר וויינען...

גלוסט זיך מיר וויינען געשמאַקער פון האַרצען,
ציהט מיך, ווי כמאַרעס, צום ים, צו דעם שוואַרצען,
טיפער צו איך, מיינע עלענדע ברידער.
כ׳וויס אויך: אַ טרער פון מיין אייגענער מאַמען
עקבערט דעם תהום דאָרט אין אייערע ים׳ען,
ביינקט אפשר שטילערהייט נאָך מיינע לידער.

*

כ׳וויס: איר האָט טרערען נאָך ניט אויסגעוויינטע,
צרות דערצעהלטע און נאָך מער געמיינטע,
וואָס ווי פאַרשטיקטע, פאַרבאָרגענע קוואַלען
לעכערן שטיינער און רייסען איין קברים,
שלענגלען זיך, בלאָנדזשען אין דר׳ערד, ווי אַ וואָרם —
און ווערען אין דר׳ערד דאָרט פאַרפאַלען.

*

דורכשלאָגען זאָלען זיך אייערע טרערען!
גרינגער זאָל ווערען און פרייער זאָל ווערען! —
אפשר, ווער ווייסט, וועט נאָך גאָט אַמאָל געבען:
איבערגעהן וועלען די פינסטערע צייטען,
אויך אונז וועט אפשר געראָטען, ווי לייטען,
בעסערס און שענערס דערלעבען.

*

און פאַר אַ זכר פון היינטיגע כמאַרעס
וועט אייך פאַרבלייבען אַ נייער „על נהרות״,
וואָס ער וועט הימעל און ערד איבערקערען.
גליקליך איז דער און געבענשט זאָל דער ווערען,
וואָס וועט פאַראייביגען אייערע טרערען
היילינע, צוויטוויזענט-יעריגע טרערען.

אין שְחִיטָה־שטאָט

... פון שטאָל און אייזן, קאַלט און האַרט און שטום,
שמיד אויס אַן האַרץ פאַר זיך, דו מענש, — און קום!
קום גיי אין שחיטה-שטאָט, זאָלסט זעהן מיט דיינע אויגען,
זאָלסט אָנטאַפּען מיט דיינע אייגענע הענט,
אויף צוימען, סלופּעס, טויערען און ווענט,
אויף שטיינער פון דער גאַס, אויף אַלע העלצער,
דאָס שוואַרץ-פאַרטרוקענט בלוט מיט די געהירען
פון דיינע ברידערס קעפּ און העלזער.
און אומבלאָנדזשען זאָלסט דו צווישען חורבות
דורך ווענט צעבראָכענע מיט אויסגעקרימטע טירען,
פאַרביי צעשטירצטע אויוועס, האַלבע קוימענס,
אָנטבלויזטע שוואַרצע שטיינער, האַלב-פאַרבּרענטע ציגעל,
וואו פייער, האַק און אייזן האָבען נעכטען
אויף דער בלוט-חתונה אַ ווילדען טאַנץ געשפּילט;
און קריך דורך בוידעמער, דורך לעכעריגע דעכער,
און קוק זיך איין אין אַלע שוואַרצע לעכער—
דאָס זענען אָפ'נע, שוואַרצע, שטומע וואונדען,
וואָס וואַרטען מער אויף קיין רפואה אין דער וועלט...

אין גאַסען וועסטו געהן, מיט פעדערען פאַרפלייצטע—
דו באַדסט זיך אין אַ טייך, אַ ווייסען טייך,
וואָס האָט זיך אויסגעלאָזט פון מענשענס בלוטיגען שוויים;

דו טרעטסט אויף גאנצע בערג צעפליקטע האָב-און-גוטס—

דאָס זענען גאנצע לעבענס, גאַנצע לעבענס,
צעבראָכענע אויף אייביג ווי אַ שאַרבען!
דו געהסט, דו לויפסט, דו פּלאָנטעסט זיך אין חורבן,
מעש, זילבער, פּוטער, שמות, זייד און אַטלעס,
צעריסענע, צעפליקטע אויף פּייך-פּיצלעך,
מיט פּיס צעטראָטענע שבתים, ימים-טובים, נדנס,
טליתים, תּפלין, פּאַרמעט, שטיקער תּורה,
יריעות הייליגע, קלאָר ווייסע וויקעלעך פון דיין נשמה,
זעה, זעה, זיי וויקלען זיך אַליין אַרום דיין פוס
און קישען דיר די טרעט פון מיסט אַרויס
און ווישען אָפּ פון דיינע שיך דעם שטויב...—
דו לויפסט? צו ליכט און לופט אַנטלויפסטו?
אַנטלויף, אַנטלויף—דער הימעל לאַכט אויס דיר!
די זון וועט דיר מיט שפּיזען אויסשטעכען די אויגען,
אַקאַציען, מיט פרישע גרינס-און-ווייס באַצויגען,
וועל'ן סמ'ן דיך מ'יטן ריח פון בלוט און בליטען,
דיין קאָפּ מיט בלימעלעך און פעדערען באַשיטען,
און שטיקלעך גלאָז פון מיטען גאַס מיט טויזענט גלאַנצען
וועל'ן דיר אַנטקעגען אויף דיין בייז-וואונדער טאַנצען...
דען גאָט האָט דיר מיט מילדער האַנט געשיינקט אַ צווילינג:

אַ שחיטה מיט אַ פריהלינג;
דער גאָרטען האָט געבליהט, די זון געלויכטען—
און דער שוחט האָט געשחט'ן...
דער חלף האָט געגלאַנצט, און פון דער וואונד
האָט בלוט מיט גאָלד געפּליסט...
אַנטלויפסט? באַהאַלטסט זיך אין אַ הויף?—אומזיסט!
אָט איז אַ בערגעל מיסט!

דאָ האָט מען צוויי געקעפּט: אַ אידען מיט זיין הונט...
און מיטען הויף האָט נעכטען זיי איין האַק געקעפּט
און היינט האָט זיי אַהער איין שוויין פאַרשלעפּט,
געשנאָרט, געגריבעלט זיך אין זייער אויסגעמישטען בלוט.
שאַ, מאָרגען וועט אַ פרישער רעגען קומען
און אָפּשווענקען דאָס בלוט אין רינשטאָק, ס'זאָל ניט
שרייען
צום הימעל געוואלד פון מיסט אַרויס, און אפשר
איז שוין דאָס איינגעזונקען אין דעם תהום דעם שטומען
און זיינט די דערנער אָן דאָרט באַ אַ פּלויט אַ קרומען,
און מאָרגען וועט די זון, ווי היינט, ווי נעכטען,
ווי אַלע טאָג, אַ ליכטיגע אַרויסגעהן
פון מזרח זייט, געמינערט ניט אַ האָר נישט,
און שאַ, און שטיל, און גלייך ווי גאָר נישט...

און ווילד, משוגע ווילד, פאַרקריכסטו אויף אַ בוידעם
און בלייבסט דאָרט שטעהן אין פינסטערניש אַליין;
דו פילסט? דאָ שוועבט נאָך איצט אַרום דער טויט-
שרעק
און פאָכעט מיט אַ קאַלטען שוואַרצען פליגעל
און פרירט די וואָרצלען פון די האָר אין קאָפּ;
און דאָ און דאָרט, פון אַלע שוואַרצע לעכער —
זעה אויגען, אויגען, שטומע אויגען קוקען...
דאָס קוקען די נשמות פון די קדושים,
פאַרוואָגעלטע, פאַרשטויסענע נשמות,
וואָס האָבען זיך אינאיינעם דאָ אין ווינקעל
צונויפגעפּרעסט דערשראָקענע—און שווייגען...
אָט דאָ האָט זיי די שאַרפע האַק געפונען
און אָט אַהערצו קומען זיי אַ קוק טון,
צום לעצטען מאָל אין זייערע שוואַרץ-אַפּלען

פאַרחתמ׳נען פון זייער סוף דעם אָפּשיין,
די גאַנצע שרעק פון זייער טויט דעם ווילדען,
די גאַנצע תּוכחה פון זייער וויסטען לעבען...
און ציטערענד, ווי טויבען פאַר דער שחיטה,
דאָ טוליען זיי זיך צו דעם דאַך אינאיינעם
און קוקען לאַנג אויף דיר מיט שטומע אויגען,
וואָס מאָנען נאָר און פרעגען דיך אָהן לשון
און טענ׳ן שטומערהייט אַלץ יענע אַלטע טענה,
וואָס האָט נאָך קיינמאָל ניט דערגרייכט צום הימעל
און וועט צום הימעל קיינמאָל ניט דערגרייכען:
„פאַר וואָס, פאַר וואָס? און נאָך אַמאָל פאַר וואָס?...״

און דו פאַררייסט דעם קאָפּ—ניטאָ קיין הימעל!
אַ דאַך, אַ שטומער דאַך, מיט שוואַרצע שינדלען;
אָט הייננגט אַ שפּין—געה, פרעג דעם גרינעם שפּין!
ער האָט געזעהן אַלצדינג, ער איז אַן עדות,
איין לעבעדיגער עדות אויף דעם בוידעם,
לאָז ער זשע דיר דערצעהלען אַלע מעשות:
אַ מעשה פון אַ בויך מיט פעדערען געפילט,
פון נעז־לעכער מיט נעגעל, קעפּ מיט האַמערס,
פון מענשען נאָכן קוילען קאָפּ־אַראָפּ, ווי גענז,
צום באַלקען פון דעם בוידעם אויפגעהאַנגען,
און פון אַ קינד אַ איינגעשלאָפענס מיט זיין מאַמעס
צעשפּאַלטענע און טויטע ברוסט אין מיילכען,
און נאָך אַ קינד אַ לעבעדיגס צעריסען,
אינאיינעם מיט זיין לעצטען שריי אויף צווייען—
אַ האַלבער „מאַ...!״ און „מאַמע״ ניט געענדיגט...
און נאָך, און נאָך פיל מוראָדיגע מעשות,
וואָס לעבערען דיין קאָפּ, וואָס עקבערן דיר דעם מוח
און טויטען דיר אויף אייביג דיין נשמה.

און דו דערשטיקסט אין קעל דיין ווילדען בריל
און שפּרינגסט אַראָפּ און לויפסט אַרויס אין גאַס—
און נאָך אַמאָל פאַר דיר אַ וועלט ווי נעכטען,
און אומפאַרשעמט גיסט אויס די זון, ווי תּמיד,
פאַר יעדער שוועל, פאַר יעדער טיר, איר שפּילליכט
און וואַרפט אַרויס איר גאָלד פאַר די חזרים...

נאָר ווייטער געה, אַנטלויף פון ליכט, באַהאַלט זיך,
אין דר'ערד אַריין פאַרקריך, אין שוואַרצען קעלער,
און פרעס דאָרט אויף דיין שטאָלען האַרץ פאַר וועהטיג:
דו זעהסט? דאָ האָבען אומריינע ערלים
די ריינע טעכטער פון דיין פאָלק געשענדעט.
אויף איינער צען, אויף איינער צען, די מוטער—
דער טאָכטער אין די אויגען, און די טאָכטער—
דער מוטער אין די אויגען, פאַרן קוילען,
בעתן קוילען, נאָכן קוילען... נעם זשע,
בן-אָדם, נעם טאַפּ אָן מיט דיינע הענט די פלעקען
פון בלוט מיט עפּעס אַנדערש אויף דער קישען,
וואו מיט זיין האַק, וואָס טריפט נאָך וואַרעם בלוט,
האָט זיך אַ ווילדער חזיר-מענש געוואַלגערט...
און זעה, בן-אָדם, זעה: אין יענעם ווינקעל,
דאָרט אונטער יענער פאַס, באַ יענעם קאַסטען,
פאַרשטעקט אָהן אָטעם זענען זיך געלעגען
חתנים, ברידער, מענער, זין און טאַטעס
און צוגעקוקט פון זייער לאָך, ווי ס'צאַפּלען
און וואַרגען זיך מיט אייגען בלוט און עקעל
די הייליגע, די ריינע, פרומע לייבער,
געדראָשענע פון טמאָ'ן גוי און אייזען—
דאָס צוגעקוקט, אין דר'ערד געלעגען און געשוויגען,
און ניט די אויגען זיך אַרויסגעריסען,

דעם קאָפּ זיך ניט צעקלאַפּט און ניט אַראָפּ פון זינען...
און אפשר האָט נאָך יעדערער פון זיי באַזונדער
פאַר זיך געפליסטערט שטיל מיט זיינע לעפּצען:
„טו, גאָטעניו, אַ נס, פאַרבלענד זיי, גאָט, די אויגען,
זיי זאָלען מיך, דיין קנעכט, ניט זעהן...” און נאָכדעם,
ווען איינע האָט זיך יאָ ערוואַכט צום לעבען,
פון בלוט און שמוץ אַרויס צום וויסטען לעבען,
פאַראומרייניגט פאַר זיך, פאַר גאָט, פאַר ביידע
וועלטען—
איז ער, דער מאַן, פון לאַנג אַרויסגעקראָכען,
צו גאָט אין שול געלאָפען בענטשען „גומל”
און פרעגען דאָרט באַם רב אַ פרומע שאלה:
„צי מעג ער מיט זיין אשה ווייטער לעבען?...”

אַרויס קריך, מענש, קום ווייטער, כ'וועל דיר ווייזען
באַהעלטעניִשען — שטאַלען פון חזירים,
און זעה מיט דיינע אויגען אַלע מיסטען,
וואו דיינע ברידער, חשמונאים'ס יורשים,
די אייניקלעך פון אייביגע קדושים,
אין יעדער לאָך צו דריי מנינים האָבען
אין יענעם שחיטה-טאָג זיך אויסבאַהאַלטען
און גרויס געמאַכט צווישען מיסט מיין נאָמען...
אַנטלאָפען, ווי די מייז, באַהאַלטען זיך, ווי וואַנצען,
און, ווי די הינט, געשטאָרבען... און צו מאָרגענס
איז פון זיין שטוב אַ זון אַרויס און האָט געפונען
אין מיסט זיין טאַטענס פגר... וואָס-זשע וויינסטו,
מענש?
— צו וואָס פאַרדעקסטו מיט די הענט דיין פנים?
קריץ שטאַרקער מיט די ציין און פלאַץ פאַר
וועהטיג!

איצט גנה אַראָפּ אין טאָל, דאָרט גרינט אַ גאָרטען,
אין גאָרטען שטעהט אַ שטאַל, די טויטע שטאַל;
וואו איינגעשלאָפּענע אויף זייערע קרבנות,
טויט-שכורע פון בלוט, וואַמפּירען ווילדע—
זעה, ליגען דאָ אין שטאַל צעוואָרפען רעדער
צעבראָכענע, מיט בלוט און מארך פאַרשפּריצטע,
מיט שפּיצען אָפּענע און אויסגעשטרעקטע,
ווי פינגער מערדערשע צו עמיצענס אַ האַלז
ווארט אויס, פאַרנאַכט, ווען פייערדיג און בלוטיג
וועט אונטערגעהן אין מעריב-זייט די זון—
זאָלסט דו זיך שטיל אַריינ׳גנב׳ן אין שטאַל—
און ווער פאַרפאַלען דאָרט אין תהום פון שרעק...
אַ שרעק, אַ שרעק! זי שוועבט דאָ אין דער לופטען,
זי רוהט אויף אַלע ווענט, זי איז איינגעפּרעסט אין
שטילקייט...
שאַ, הער זיך איין: סע רירען זיך די רעדער...
דאָס צאַפּלען דאָרט פון אונטען שטיקער איברים,
זיי וואַרפען זיך אין אייגען בלוט און גוססען...
אַ שטילער קרעכץ, אַ כאָרכלען פון אַ האַלז
אַ ניט דערקוילעטען, אַ לעצטער זיפץ,
אַ צונעשטיקטער רוף, אַ קריץ פון ציין...—
דאָס אַלעס וואַלגערט זיך דאָ ערגעץ אונטער רעדער,
און שלאָגט זיך אָן די שפּיצען, אָן די העלצער,
און שפּאַרט זיך דורך פון לעכער און פון שפּאַלטען
און בלייבט פאַרגליווערט הייגנען אין דער לופטען,
אַ שוואַרצע חופה אויף דיין קראַנקען קאָפּ.
אַ וועה, אַ שטומער וועה, אַ צער, אַ גרויסער צער...
יסורים שטומע פלאַטערען... שאַ, שטילער,
ס׳איז נאָך דאָ עמיצער מיט דיר, ער בלאָנדזשעט
מיט צוגעמאַכטע אויגען אין דער פינסטער,

פאַרטיפט אין אָפּגרינדען פון גרויסען אומעט,
שטרעקט אויס פאַר זיך צוויי דאַרע הענט צום
שוואַרצען
מיט שטומע אַנגסטען אָנגעפּילטען חלל
און טאַפּט דאָס פינסטערניש מיט בלינדע פינגער,
ניט זוכענדיג קיין אויסוועג פאַר זיין טרויער—
ס׳איז ער, ס׳איז ער אַליין, דער גרויסער שמערץ-גייסט,
וואָס האָט זיך זעלבסט פאַרשלאָסען דאָ אין תפיסה
און אָהן רחמנות זיך אַליין פאַרמשפּט
אויף אייביגע, אויף גרויסע שטומע ליידען;
און ערגעץ דאָ אין שטאַל, אַרום אייך ביידע,
איז נע-ונד, און שוועבט אַרום און רוהט ניט,
און קאָן פאַר זיך קיין ווינקעל ניט געפינען,
אַ מידע, אַ טויט-מידע, שוואַרצע שכינה.
האַרץ-רייסענד! וויינען וויל זי — און זי קאָן ניט,
כאָטש איין געשריי טון — און זי שווייגט...
שטיל וואַרגט זי זיך מיט אירע טרערען,
פאַרשפּרייט די פליגעל איבער די קדושים,
פאַרלייגט דעם קאָפּ אַרונטער און פאַרגעהט זיך
און וויינט, און וויינט אין זיך אָהן לשון...

— — — — — — — — — — — — — — — —

שאַ, געה פּאַמעליך צו, פאַרשליס די טיר
און אויג-אויף-אויג בלייב איבער דאָ מיט איר.
און לאָז זיך אָנזאַפּען אויף אייביג דיין נשמה
מיט אירע שטילע, ברענענדיגע ליידען;
און ווען אין דיר וועט אַלעס אָפּשטאַרבען און שווייגען—
נעם ריר זיי אָן — זיי וועלען אויפלעבען און ריידען.
און געה אַוועק, צעטראָג זיי אין דיין שוים
אין אַלע עקען פון דער גאַנצער וועלט
און זוך, נאָר ניט געפין, פאַר זיי קיין נאָמען...

איצט געה ארויס פון שטאָט, ווען קיינער זעהט ניט,
און שלייך זיך שטיל, פאַמעליך צום בית-עלמין,
און שטעל זיך אויף די פרישע קדושימס קברים,
און שטעה, און קוק, און לאָז אראָפּ די ברעמען —
און ווער פאַרשטיינערט!
דיין הארץ זאָל אויסגעהן, חלש'ן אַ טרער —
נאָר טרוקען, ווי אַ שטיין אין מדבר, בלייבט דיין אויג;
און שרייען ווערסטו וועלען, רייסען קברים,
און ברילען ווי אַן אָקס צום שחיטה-באַנק געבונדען —
נאָר שטום, ווי די מצבות, בלייבסטו שטעהן.
נעם קוק זיי אָן, דאָ זענען זיי די קדושים,
דאָ ליגען זיי געשחט'נע, ווי קעלבער,
און האָסט פאַר זיי קיין טרער, ווי איך — קיין לוין...
איך בין אַהער געקומען, טויטע ביינער,
באַ אייך מחילה בעטען: זייט מיר מוחל!
זייט מוחל אייער גאָט, איר אייבינע פאַרשעמטע,
פאַר אייער ביטערן פינסטערן לעבען זייט מיר מוחל,
פאַר אייער צען מאָל ביטערן פינסטערן טויט.
אַז איר וועט קומען מאָרגען אונטער מיינע טירען
און אָנקלאַפּען באַ מיר און מאָנען לוין —
וועל איך אייך עפענען, קומט זעהט — איך האָב נישט!
אַ גאָטס רחמנות איז אויף אייך — נאָר כ'האָב נישט!
אַ יורד בין איך, גלייך מיט אייך פאַראָרימט...
און וועה, און וואונד און וועה איז אַלע וועלטען!
און לאָזען אַלע הימלען ברומען פאַר רחמנות! —
אַזעלכע קרבנות — און אומזיסטע!
אומזיסט אַזוי געלעבט, אַזוי געשטאָרבען,
ניט וויסענדיג צו וואָס, פאַר וואָס, פאַר וועם?
און וואָלקען איינגעהילט איר קאָפּ וועט אייביג
מיין אַלטע שכינה וויינען שטיל פאַר בושה,

און נאַכט אויף נאַכט וועל איך אַראָפּ פון הימעל
באַוויינען זיך אויף אייער קבר...
די שאַנד איז זעהר גרויס, און זעהר גרויס דער וועהטיג—
און וואָס איז גרעסער? — זאָג שוין דו, בן-אדם!
ניין, שוויג בעסער, און זיי אַ שטומער עדות,
אַז דו האָסט מיך אין אָרימקייט געפונען
און צוגעזעהן מיין עלענד און מיין טרויער.
און געהענדיג צוריק — נעם מיט, בן-אָדם,
אַ טייל פון צער מיינעם, פון שטילען וועהטיג,
און מיש אים אויס מיט צאָרן-גיפט און וואַרף אים
אין שוים פון די נאָך-לעבעדיגע מתים...

ווילסט געהן צוריק — פאַרקוקסטו זיך אויף גרעזלעך.
אַ פרישע יונגע בשורה פון אַ פריהלינג
פילט אָן דיין הארץ, באַהויכט דיר דיינע אויגען
מיט שטילען באַנג נאָך וויטען, נייען לעבען,—
ס'איז קברים-גראָז, סע שמעקט מיט טויט, בן-אדם!...
רייס אויס אַ הויפען גראָז, פאַרוואַרף דאָס הינטער זיך
און זאָג דערביי, צומאַכענדיג די אויגען:
‚מיין פאָלק איז אָפגעריסען גראָז — צי קאָן דען
אָן אָפּגעריסענעם נאָך לעבען?...'
און קוק זיך מער ניט אום — אַנטלויף פון דאַנען,
צו די נאָך-לעבעדיגע לויף, ס'איז היינט אַ תענית,
און פאַל אַריין צו זיי אין שול, און ווער פאַרפאַלען
אין זייער ברענענדיגען ים פון טרערען...
דו הערסט? יללות, ווילדע, שרעקליכע יללות,
דורך מיילער אָפענע, דורך ציין פאַרקלעמטע,
צערייסען זיך אויף טויזענט לעבעדיגע שטיקער,
פאַרמישען זיך און גיסען זיך צונויף
אין איין פאַרצווייפעלטען און מוראדיגען יאָמער,

וואָס וואַרפט זיך, ווי אַ קראַנקער, אין דער לופטען
אויף קעפּ, פאַרריסענע צום פייכטען באַלקען,
אויף פּנימער, פאַר וועהטיג אויסגעקרימטע... —
אַ גרויל, אַ גרויל! אַ פראָסט נעמט דורך דיין לייב!
אזוי קלאָגט נאָר אַ פאָלק, וואָס איז פאַרלוירען,
וואָס אַש און רויך איז זיין נשמה, און אַ מדבר,
אַ וויסטער מדבר, איז זיין הארץ געוואָרען;
קיין איינציג גרעזעל האס, קיין קערענדעל נקמה!
דו הערסט? זיי קלאַפּען זיך אין ברוסט „אשמנו!“,
זיי בעטען, איך זאָל זיי די זינד פאַרגיבען...
צי זינדיגט דען אַ שאָטען אויף די ווענט—
אַ שאַרבען אַ צעבראָכענער, אַ טויטער וואָרעם? —
וואָס בעטען זיי? וואָס שטרעקען זיי די הענט?
אַ פויסט וואו איז? וואו איז אַ גרויסער דונער,
וואָס זאָל זיך אָפּרעכנען פאַר אַלע דורות,
און איינגלייגען די וועלט, צעררייסען הימלען,
מיין שטול, מיין כסא-כבוד, איבערקערען!...

— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — — —

און הער, בן-אדם!
צעשרייט דער חזן זיך באַם עמוד:
„טו, גאָט, פאַר די גע׳שחט׳נע קרבנות!
פאַר די צדיקים טו, פאַר פרומע זקנים!
פאַר זייגענדיגע קינדער טו, פאַר פיצלעך קינדער!“
און נאָכשרייען מיט קולי-קולות וועט דער עולם,
אַזוי אַז אַלע ווענט און זיילען פון דעם הויז
מיט דיר איינאיינעם וועלען ציטערן פאַר פחד—
וועל איך אויף דיר אָן אַכזר זיין, אַ גרויסער אַכזר —
מיט זיי וועסט דו באַ מיר ניט וויינען!

און הויבט זיך אויף אין דיר אַ בריל און רייסט זיך—
דערשטיק איך אים צווישען דיינע ציין!
דו זאָלסט דאָס אומגליק ניט ווי זיי פאַרשוועכען,
פאַרבלייבען זאָל דאָס אומבאַקלאָגט לדורות...
און דיין ניט-אויסגעוויינטע טרער באַגראָב אין זיך,
אין האַרצען טיף פאַרמויער זי, בוי אויס דאָרט
פון האַס, פון גרימצאָרען און גאַל פאַר איר אַ פעסטונג,
און לאָז זי וואַקסען דאָרט אַ שלאַנג אין נעסט,
און זייגען זאָלט איר איינער פון דעם צווייטען,
און תמיד בלייבען הונגעריג און דאָרשטיג;
און ווען אַ בייזער יום-הדין וועט קומען —
צעבּרעך דיין האַרץ, באַפריי די בייזע שלאַנג!
און לאָז זי אָפּ ווי אַ פאַר׳סמ׳טע פייל,
טויט-הונגעריג מיט ברענענדיגען גיפט,
אין מיטען האַרצען פון דיין איינען פאָלק...

און מאָרגען געה אַרויס אין גאַס, בן-אדם,
און זעה: אַ מארק, אַ מארק פון לעבעדיגען בּראָכ-
וואַרג!
דערשלאָגענע, האַלב-טויטע מענשען-ווערעם,
צעבּראָכענע און אויסגעקרימטע ריקענס,
פאַרוויקעלטע אין שמאַטעס הויט און ביינער,
מיט קינדער וויסטע קאַליקעס, מיט ווייבער
צום טויט פאַרמאַטערטע און איינגעדאַרטע,
אַ היישירעק, סוף-זומערדיגע פליגען,
באַפאַלען טיר און טויער, אַלע פענסטער,
באַלאַגערען די שוועלען פון די הייזער
און שטרעקען אויס, געלערענטע צו בעטלען, קרומע
הענט
מיט אויפגעדעקטע איטעריגע וואונדען,

און יעדערער שרייט אויס זיין פּעקעל סחורה,
פאַררייסענדיג די לויזע אויגען צו די פענסטער,
ווי קנעכט, ווי הינט געשלאָגענע צום בעל-הבית!
א גראָשען פאַר א וואונד, א גראָשען פאַר א וואונד!
א גראָשען פאַר א טאָכטער א געשענדטע!
א גראָשען פאַר אַן אַלטען טאַטענס טויט
און פאַר א יונגען חופה-זון א קדוש!

צום בית-הקברות מיט די טאָרבעס, שלעפּער!
אַהינצו געהט, גראָבּט אויס די ווייסע ביינער
פון אייערע קדושימס פרישע קברים,
שטאָפּט אָן די טאָרבעס, יעדערער זיין טאָרבע,
און לאָזט זיך אין דער וועלט אַריין, און שלעפּט זיך
פון שטאָט צו שטאָט, וואו ערגעץ א יריד,
און אונטער אַלע פרעמדע הויכע פענסטער
זינגט הייזעריגע בעטלערשע נגונים,
און רחמים בעט, און שנאָרערט אויס, און שווינדעלט,
ווי ביז אַהער, מיט אייער פליייש און ביין.

— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —
— — — — — — — — — — — — —

און איצט געגוג, אַנטלויף, דו מענש, אַנטלויף אויף אייביג!
אין ווייסטען מדבר לויף — און ווער משוגע!
צעריים אויף טויזענט שטיקער דיין נשמה
און וואַרף אַרוים דיין האַרץ פאַר ווילדע הינט;
און לאָז דיין טרער אַראָפּפאַלען אויף הייסע שטיינער
און דיין געשריי זאָל איינשלינגען דער שטורעם...

*

דאָס לעצטע וואָרט

(ביאַליק)

איך בין צו אייך פון גאָט געשיקט:
ער האָט געזעהן, איר ווערט דערשטיקט;
ער האָט געזעהן, איר פוילט און פאַלט,
איר ווערט פון טאָג צו טאָג מער אַלט;
און אָפּגעלאָזט האָט זיך די האַנט
און אויסגעלאָזט האָט זיך די מאַכט —
און גאָט האָט זיך אין אייך דערמאַנט,
און ער האָט מיך צו אייך געבראַכט.

און גאָט האָט מיר געזאָגט אַזוי:
„צו שווער דער יאָך — איך קאָן ניט מער!..
געה רייס פון זייער האַרץ אַן ,אוי'!
שיס אויס פון זייער אויג אַ טרער!
און שווער זאָל זיין די טרער און ביטער
און הויך זאָל זיין דער לעצטער קרעכץ,
אַזוי — די ערד זאָל טון אַ ציטער
און אָפּטרייסלען פון זיך דאָס שלעכטס".

איך האָב געפאָלגט און בין געגאַנגען,
מיין וועג איז פול געווען מיט שטיינער;
נאָר אײן געפיל און איין פאַרלאַנגען
האָט טיף געגליהט אין מיינע ביינער;

איך האָב געפילט, איר זענט בײַ שלאַנגען...
און מיט אײַך, בײַ אײַך — קיינער, קיינער...
מיך האָט געטריבען אײַער װעהטיג,
איך האָב געמיינט מיין הילף איז נייטיג.
איך בין געשטראָפט פון גאָט מיט האַרץ:
איך האָב אַ האַרץ, װאָס קריינקט פאַר יענעם,
װאָס קאָרטשעט זיך פון פרעמדען שמאַרץ
און װערט פאַרבּרענט פון יעדענס גיהנם...
איך האָב געהערט, עס איז אײַך שװער,
האָב איך געמיינט, איר פילט און װייסט
און װאַרגט זיך שטיל מיט אײַער טרער
און זוכט אַ הילף און בעט אַ טרייסט,—
און טייער זענען די מינוטען...
„איך גײ, איך קום — כ'װעל היילען װאונדען,
מיט אײַך אינאיינעם װעל איך בּלוטען,
און װאו מען דאַרף, װעל איך פאַרבּינדען,
און װאו מען מוז, װעל איך אָפּלעקען
דאָס בּלוט, װאָס טריפט פון אײַער װאונד.
כ'װעל טרייסטען, בּעטען, װיינען, װעקען—
און װעל ניט לאָזען געהן צו גרונד!
איך גײ, איך קום — איך טראָג אַ טרייסט,
איך טראָג אַ בשורה פון נחמה;
איך בין געבּענשט פון גאָט מיט גייסט—
אײַך װעל איך שיינקען מיין נשמה...
איך בין פון גאָט מיט מוט בּאַשמידט,
װאָס רייסט אויס בּערג און װערט ניט מיד,
װאָס לאָזט מיין רוקען זיך ניט בּויגען
און קוקט דעם בּייז גלייך אין די אויגען;
און גאָט האָט מיר געשיינקט אַ צונג,
אַ שאַרפען, װי אַ שאַרפען קלונג,—

אויב איר זענט שטיין — איז זי אַן אייזען,
אויב איר זענט אייזען — איז זי שטאָל...
איך קום, איך וועל זיך נאָר באווייזען—
און איר וועט אויפשטעהן מיט אַמאָל!"...
איצט שטעה איך אונטער אייער טיר—
און אָפּגענומען איז מיין לשון;
עס הייננט אַ שווערע נאַכט אויף מיר—
מיין פונק, מיין ליכט איז אויסגעלאָשען.
מיך האָט באַגעגענט שפּאָט און שאַנד,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט—
און אָפּגעשטויסען איז גאָטס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט...

איך האָב שוין מער קיין שפּראַך פאַר אייך —
פאַר אייך איז פרעמד און טויט גאָטס שפּראַך.
איך האָב געזאָגט איין וואָרט — האָט דאָס
דער ווינט פאַרטראָגען מיט איין בלאָז;
נאָך איינס האָב איך געזאָגט — איז דאָס
געפאלען, ווי אַ פונק, אויף גראָז—
נאָר טרוקען איז געווען דאָס גראָז
און אויסגעברענט האָט דאָס מיט רעש
און ס'איז דערפון געוואָרען אַש.
האָב איך אַרויסגעלאָזט אַ קול—
האָט דאָס געטראָפען ווי אַ קויל
און ווי אַ דונער דורכגעלאָפען
אין מיטען שיינעם, העלען טאָג
און גלייך אין הארצען אייך געטראָפען—
און אויסגעבראָכען האָט די קלאָג!
און אויסגעשאָסען האָט די טרער!—
נאָר, ווען מיר! פאַלש איז אייער ג'וויין!

ניט קיינער, קיינער גלויבט אים מער,
ניט גאָט, ניט איך, ניט איר אַליין...

בין איך צו אייך אין שמוץ געקראָכען
און אַלע קליידער איינגעריכט,
כ'האָב מיט די הענט פאַר אייך געבראָכען
און הילף באַ אייך פאַר אַייך געזוכט...
נאָר קיינער קומט צו הילף ניט, קיינער,
און איך בין איינער, איינער, איינער...
מיין תפלה האָט געהערט די וואַנט,
איר האָט פאַר מיר די טיר פאַרמאַכט;
און אָפּגעשטויסען איז גאָטס האַנט
און גאָטעס וואָרט איז אויסגעלאַכט!..

נאָר ווייסט, איר אומגליקליכע, ווייסט —
איך האָב ניט מער פאַר אייך קיין טרייסט...
איך האָב אַ וואָרט, אַ שרעקליך וואָרט,
וואָס וועט אייך הויבען פון דעם אָרט;
וואָס וועט דאָס ליכט אייך מאַכען שוואַרץ
און וועט פאַרסמ'ען אייך דאָס האַרץ,
אין מויל פאַרגיפטען אייך דעם ביסען
און ביטער מאַכען אייך דאָס ברויט,
דאָס לעבען וועט דאָס אייך פאַרמיאוסען
און וועט ניט געבען אייך דעם טויט...
ניטאָ פאַר אייך קיין וואָרט נחמה!
איך האָב פאַרברענט שוין מיין נשמה
און האָב מיין בונד מיט אייך צעריסען...
צעבראָכען ליגט אין דר'ערד מיין מוט—
איך וועל אויף אייך מיין גאַל אויסגיסען
און וועל באַשפּייען אייך מיט בלוט...

און גאָט האָט מיר געזאָגט אזוי:
„דאָס לעצטע מאָל שריי אויס אַן ‚אוי׳!
און גיב אַ קרעכץ צום לעצטען מאָל,
אַז ציטערען זאָל בארג און טאָל;
און נעם זיך אָן מיט גאל און זאָג:
הערט, טויבע, הערט!
עס געהט אַ טאָג,
איך לאָז ארויס אַ זון פון רעכט
און וועל די וועלט מיט ליכט באגיסען—
נאָר איר אַליין וועט בלייבען קנעכט
און וועט קיין טראָפען ליכט געניסען...
און בלינדערהייט, מיט זין און טעכטער,
וועט איר ארומלויפען פארסמט
אהין, אהער, פאר טויזענט מייל,
און בעטען, חלש׳ן אַ שטראל...
נאָר אייך באגעגענט אַ געלעכטער,
וואהין איר קומט, האָט איר פארזאמט׳...

איך שליס אויף אוצרות לעבען, מאכט,
און ימים פרייד וועל איך צעגיבען—
נאָר איר אַליין וועט זיין פארשמאכט
און אייער קוואל וועל איך באטריבען;
און טרוקענע, מיט זין און טעכטער,
וועט איר אין פרעמדע טירען קלאפען,
מיטן פנים צו דער ערד צופאלען
און איבער פרעמדע קוואלען קניען
און דאָרשטיג אייער האלז אויסציהען
און בעטען, חלש׳ן — אַ טראָפען...
נאָר אייך באגעגנט אַ געלעכטער,
פאר אייך פארשלאָסען אלע קוואלען.

איך שיק אראָפּ אַ מילדען גייסט,
וואָס פרישט ווי טוי פון גאָט און ווייזט
אַ נייעם וועג צו נייע הימלען—
נאָר איר וועט טרוקען זיין, ווי שטרוי,
און ניט אויף אייך וועט פאַלען טוי,
איר? — איר וועט אייביג פוילען, שימלען.
און אויב ס'איז נאָך פון פריהער געבליבען
אַ פונק פון גייסט, געפיל און גלויבען,
און ערנסטער זיפץ, אַ הייסע טרער — —
וועל איך דאָס איינציגווייז אָפּרויבען.
און אייער הארץ וועט בלייבען לער
אָהן טעם, אָהן ריח, אָהן לייב און לעבען...

און וויסט וועט ווערען אייער צעלט,
און אומשלעפּען וועט איר זיך מידע,
ווילד-פרעמדע אויף אַ פרעמדער וועלט
און בעטלער אויף אַ רייכער סעודה,
און שטעהענדיג בּאַ פרעמדע שוועלען,
וועט איר די וואונדען זיך אויפדעקען
און וועט פאַר פרעמדע זיי אויסשטעלען,
אַ ציטערדיגע האַנט אויסשטרעקען
און בעטען הילף אויף בעטלער-לשון—
נאָר אויסבעטלען וועט איר פאַר געלט,
און לעבען וועט איר פאַר אַ גראָשען...

און שווער וועט אייך דאָס לעבען ווערען—
אַ לאַנגע נאַכט און ניט איין שטערן...
און אייער קרעכץ פאַרטראָגט דער ווינט
און אייער קול וויל גאָט ניט הערען...

און שרעקליך גרויס וועט זיין די נויט,
ווי גרויס און שרעקליך איז די זינד;
און איר וועט חלש'ן דעם טויט
און בּיינקען וועט איר נאָכן לעבּען...
נאָר גאָט וועט אייך ניט בּיידע געבּען...
און שרעקליך וועה וועט זיין דער שמאַרץ...
אַפילו אייער אייגען האַרץ
וועט אַייער אייגען מויל ניט גלויבּען...
איר וועט זיך פּרובּען הויבּען, הויבּען—
אַן אָטעם טון — און וועט ניט קאָנען.
דאָס איז אַ קבר, נאָר בּאַגראָבּען
זענט איר דאָרט לעבּעדיגערהייט...
דאָס איז אַ פּייערדיגער גיהנם,
וואָס וועט קיין ענדע קיין מאָל האָבּען—
נאָר ס'איז אַ גיהנם אָהן אַ טויט...

און גאָט זאָגט מיר:
‚איצט געה אַראָפּ
צום טעפּערס הויז און קויף אַ טאָפּ,
און טו אַ וואָרף, און זאָג דערבּיי
שטאַרק הויך, אַז יעדערער זאָל הערען:
‚אַזוי וועט איר צעבּראָכען ווערען!'
און רייד ניט מער, ניט וויין, ניט שריי,
בּויג אָן דעם קאָפּ און ווער פאַרשטומט — —
עס געהט דער טאָג, ער קומט, ער קומט'...

*

כ'בין ניט אויף אייער רוף געגאנגען,
איך קום צו אייך מיט זיבען וועגען;
איך פאל אויף אייך, ווי טוי אויף זאנגען,
און ווי אויף טרוקען גראָז דער רעגען.

אומזיסט האָט איר גערוישט, געליארעמט
און מיך באַגעגענט מיט געזאנג:
איך האָב פאר אייך א טויב געווארעמט,
און אויסגעפיקט האָט זיך — א שלאנג.

און זעהט: מיך רירט ניט אייער שאלען,
און אייער הילכיגער גרוס
ליגט טויט צו מיינע פיס געפאלען
און איך צעטרעט אים מיט דעם פוס.

פון אייער אויסגעלאָשען אויג
בין איך דער לעצטער שווארצער בליץ,
פון אייערע פארקלעמטע ציין —
דער לעצטער צאָרנדיגסטער קריץ

און רעד איך — מוזען הימלען שטומען,
די ערד באוועגט זיך ניט פון אָרט;
די שטיינער קויקלען זיך און קומען
און שלינגען דאָרשטיג גאָטס א וואָרט.

*

אַ פרעהליכס

ניט גענאַשט פון עולם-הזה,
עולם-הבא אויך נאָך גאַנץ —
וואָס-זשע פעלט אַייך? — האַנט אויף אַקסעל —
און לאָז פלאַקערען אַ טאַנץ!

זאָלען שווינדלען פאַר די אויגען
פיס און פיאַטעס הויך און שטארק,
פונקען זאָל פון שטיינער שפּריצען,
אָנצינדען זאָל זיך דער מארק!

וואו אַ טראָפּען גאַל פארבאָרגען,
וואו אַ וועה און וואו אַ וואונד —
אויסגעטאַנצט מוז דאָס היינט ווערען
ביז צום סוף און ביז צום גרונד!

*

נישט דערעסען, נישט דערשלאָפען,
נישט דערזאָרט און נישט דערלעבט —
וואָס-זשע זאָרגט איר? — ווי די אָדלערס
הויבט זיך פלוצים אויף און שוועבט!

איבער גאַנצע בערג פון צרות,
איבער ימים נויט און פיין,
טראָגט זיך מיט פארמאַכטע אויגען —
און זאָל זיין דאָרט, וואָס ס׳זאָל זיין!

איין מאָל לעבט מען, איין מאָל שטאַרבט מען,
איין מאָל קומט מען אָפּ דעם טאַנץ —
טאַנצט-זשע, ברידער! גאָט לכבוד
פלעכט אַ לעבעדיגען קראַנץ!

*

ניט קיין טאַטען, ניט קיין מאַמען,
ניט קיין גואל, ניט קיין פֿריינט —
וואָס-זשע וואַרט איר? — כּל ישׂראל,
אַלע זענען ברידער היינט!

אַלע, אַלע איינגעשלאָסען
אין איין גרויסען פֿעסטען רונג,
איינגעפֿלאָכטען בערד און לאָקען,
שיך און זאָקען, אַלט און יונג.

און אָהן אויפֿהער זאָל זיך ציהען,
זאָל זיך שלענגלען אייער ראָד
פֿון דעם הקדש ביזן בית-עולם,
פֿון דעם שול-הויף ביז דער באָד.

*

ניט קיין ברויט און ניט קיין חלה,
ניט קיין פֿלייש און ניט קיין פֿיש —
וואָס-זשע זיצט איר? — פֿרעהליך, ברידער!
כאַפּט אַ טאַנץ אַרום דעם טיש!

ברייטער, ברייטער און צעשפּרייטער
זאָל זיך דרעהען אייער ראָד: —
ברייט, ווי טייכען, פֿליסט גאָטס נחת,
העכער הייזער — גאָטס גענאָד!

יאָ, עס רינט פֿון באָרד און פּאות,
יאָ, מע וואַרגט זיך אַזש פֿאַר גליק! —
טאַנצט-זשע, ברידער, האָפּיי, שטאַרקער! —
און דאָס איינענע צוריק!

*

נישט איין טראָפּען צום ערקוויקען,
אויסגעטריקענט, ווי אַ קוואַל —
וואָס־זשע שמאַכט איר? — נעמט דעם בּעכער,
גיסט אים אָן מיט גרינער גאַל.

אויסגעזופּט — און נישט פאַרקרימט זיך,
נישט קיין ציטער אין די הענט!
זאָל אַ קריינק דער שונא וויסען,
וואָס אין הארצען בּראָט און בּרענט.

העכער, העכער הויבּט דעם בּעכער,
חי־געלעבּט! און חי־געקווועלט!
אויף צעפּיקעניש די שונאים,
אויף צו־להכעיס גאָר דער וועלט!

*

נישט קיין אמת, נישט קיין יושר,
נישט קיין רחמים, נישט קיין דין —
נו, איז וואָס? דאָס רעדעל דרעהט זיך
אָהן אַ ציל און אָהן אַ זין.

כאַפּט־זשע, זייט אין ראָד אַ רעדעל,
מישט זיך אויס און דרעהט זיך נאָך,
אָפּ פון וועג זאָל יעדער גרענעץ,
אָפּ פון האַלז זאָל יעדער יאָך!

הפקר, הפקר, אַלעס הפקר,
ווי ס׳איז הפקר אונזער בּלוט!
אַ כּפּרה הונדערט וועלטען
פאַר איין שעה פון דרייסט און מוט!

*

כ'וואָלט געוועט אַ בּעלן וויסען,
וויי וועט זיין מיין טויט?
וועט מיר מיין נשמה אויסגעהן
מיט אַ שוואַרצען קרעכץ,
אָדער איך וועל זי אויסשפּייען
מיט דער בּיטערער גאַל?
אפשר וועט זי זיך אויסגיסען
אין אַ פּערל-טרער
און וועט ציטערען, שעמרירען,
דורות לאַנג נאָך מיר,
ערגעץ אין אַ פרעמדענס האַרצען,
אין אַ פרעמדער קרוין?
אפשר איז בּאַשערט איר אויסגעהן,
ווי אַ שמעטערלינג,
טאַנצענדיג און צאַפּלענדיג,
אַרום אַ חלב-ליכט?
אָדער — וועט זי, מיין נשמה,
ווי דאָס ליכט אַליין,
צאַנקען, טיקען זיך און שווינדלען
פאַר די אויגען לאַנג,
און פאַרפאַלען ווערען פלוצלינג
אין אַ שוואַרצען תהום,
וואו אַרום איר וועט זיין אייביג
שוואַרץ און טויט, און שטום?...
אָדער ס'איז בּאַשערט מיר שטאַרבּען
לעבּעדיגערהייט

אין פּאַפּירענע תכריכים,
אין אַ ביכער-שאַנק,
וואו די מייז, די גרויע, וועלען
גריבלען זיך אין מיר,
און צעשלעפּען מיינע ווייסע
ביינער איינציגווייז, —
און אַ לעבעדיגער וועל איך
אויף מיין קבר שטעהן
און אַ קדיש-יתום זאָגען,
איך — נאָך מיר אַליין...
אָדער גאָר: מיין טויט וועט קומען
אין אַ פראָסט געשטאַלט:
אין אַ ווינטער-נאַכט אַ בייזע,
ערגעץ בּאַ אַ פּלויט,
וועל איך, הונגעריג, פאַרפרירען,
אויסגעהן, ווי אַ הונט,
און דער שניי וועט מיך פאַרשיטען, —
און מיין לעצטען קריץ
מיט מיין קללה וועט צעבלאָזען
ווייט דער בייזער ווינט...

*

II

איבערזעצונגען

(פון ר' יהודה הלוי.)

בּיינקסט אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון,
ווי זיי, צעזייטע און צעשפּרייטע, בּיינקען?
ווילסט אויך, ווי זיי פון דיר, אַ ליבּען גרוס בּאַקומען?
דאָ האָסטו אים! אַ גרוס פון נאָהענטע און ווייטע!
אין הארצען דורות-לאַנג געוואַרעמט, טראָגט אים
פון אַלע עקען וועלט, דורך ימים און מדבּרות,
צו דיר אין שום איין עלענד קינד דיינס, איינער
פון די, וואָס זאַפּען אָן, ווי טוי דיין חרמון,
די פרעמדע בּערג מיט בּרענענדיגע טרערען
און שטאַרבּען אין דער פרעמד פאַרליבּטע און פאַרבּיינקטע...
מיך ציהט צו דיר!... בּאַנאַכט אויף דיינע חורבות
בּין איך דיין נאַכט-איילע, דיין יאָמער-ליד,
און חלומט זיך מיר נאָר דיין מאָרגענשטערען — ווער איך
דיין נאַכטיגאַל, דיין קלינגענדיגע האַרפע...
מיך ציהט צו דיר! מיין הארץ געהט אויס נאָך יענע ערטער,
וואו די אָבות האָבּען זיך בּאַגעגענט מיט מלאָכים,
וואו די שכינה האָט גערוהט, וואו דיין בּאַשעפער
האָט דיינע טויערען, די הייליגע, געעפענט
אַנקעגען זיינע הימעלשע שערים,
וואו ניט די הימעל-ליכטער: זון, לבנה, שטערען —
גאָטס עהרע זעלבּסט האָט דיר בּאַשיינט מיט גלאַנץ...
איך גאַר, אַז אויסגיסען זאָל זיך מיין זעלע דאָרטען,
וואו ס'פּלעגט אַמאָל גאָטס גייסט און גאָטס גענאָד זיך גיסען
אויף דיינע אויסדערוועהלטע, מוטער ציון!
וואו נעמט מען פליגעל?! שטיקערווייז וואָלט איך מיין הארץ
ווייט, ווייט צעווישען דיינע בּערג פאַרטראָגען,

כ׳וואָלט צונעפּאַלען צו דיין ערד, כ׳וואָלט אויסגעקושט
איר יעדען פוס-טרעט, יעדעס שטיינדעלע באַזונדער,
און אומגעוואַנדערט וואָלט איך טאָג און נאַכט
אַ נאַקעטער, אַ באָרוויסער אויף דיינע חורבות,
כ׳וואָלט מיט מיין שטעקען אויסגעמאָסטען אַלע קברים,
מיט דיין נשמה-לופט זיך אָנגעאָטעמט,
זיך איינגעוויקעלט אין דיין זיסען שטויב,
און ביז צום בלינד ווערען באַוויינט דיין חורבן, ציון...
צי קאָן די שיין פּאַר מיינע אויגען זיס זיין —
אַז שוואַרצע ראָבען פּיקען דיינע אָדלערס,
צי קאָן מען לעבען אויף דער וועלט און צוזעהן,
ווי גאַס-הינט שלעפּען דיינע טויטע לייבען...
גענוג, לאָז אָפּ איין ווילע, כוס פון טרויער!
מיין האַרץ איז איבערפול מיט דיר פאַרביטערט,
כ׳האָב איינגעזאַפּט אין זיך דיין שוים מיט דיינע הייווען...
גענוג! איך וויל איין חלום זעהן און שטאַרבען...
כ׳וויל זעהן, אָ, גרויסער גאָט, נאָר איין שטראַל ליכט,
נאָר איין שטראַל ליכט פון יענעם מאָרגענשטערען,
וואָס דאַרף, וואָס מוז אַמאָל נאָך העל און ליכטיג
זיך אָנצינדען אויף ציונס בלויען הימעל,
באַנייען און באַפרישען זי מיט יוגענט...
גענוג, איין זיסען חלום לאָז מיך זעהן נאָך
און אויסגעהן מיט אַ שמייכעל אויף די ליפּען.

*

ים-לידער

(נאָך ר׳ יהודה הלוי)

I.

כ׳האָב פאַרגעסען אַלע ליבסטע,
כ׳האָב פאַרלאָזט מיין אייגען הויז;
כ׳האָב דעם ים זיך אָפגעגעבען:
טראָג מיך, ים, צום מוטער׳ס שויס!

און דו, מערב-ווינט געטרייער,
טרייב מיין שיף צו יענעם ברעג,
וואָס מיין האַרץ מיט אָדלער-פליגעל
זוכט שוין לאַנג צו אים אַ וועג.

ברייננ מיך נאָר אַהין בשלום, —
נאָכדעם פליה זיך דיר צוריק,
גריסען זאָלסטו אַלע ליבסטע
און דערצעהל זיי פון מיין גליק.

II.

אָנגע׳ברוגז׳ט האָט דער ים זיך
און געקנייטשט זיך און געקרומט —
פלוצים האָט ער זיך צעבייזערט
און ער וויגט זיך שוין און ברומט.

און אָט לויפען שוין אַנקעגען
ווילד און בייז מיט ווייסען שוים,
כוואַליעס-לייבען, כוואַליעס-שלאַנגען,
אויסגעוואַקסען פון דעם תהום.

אָט האָט זיך אַ טאָל געעפענט,
אָט שטעהט אויף אַ הויכער באַרג —
פלאַטער, זעגעל! בויג זיך, מאַסטבוים!
דָא, מיין האַרץ, בלייבסט פעסט און שטאַרק.

האָסט אַ גרויסען גאָט אין הימעל,
ימים שפּאַלט ער מיט זיין האַנט;
אויף זיין פליגעל מיט זיין שטורעם
טראָגט ער דיך צום ליבען לאַנד.

III.

מיט דער לבנה-שיין פאַרזילבערט,
ווייט רינגעלט זיך דער וואַסער-שפּיגעל;
פאַרשפּרייט האָט זיך אויף אונז די נאַכט
מיט איר בלוי-סאַמעטענעם פליגעל.

ס׳איז נישט קיין נאַכט — ס׳אַ מלכּת-שבאָ!
געהילט אין בלויעס, מיט גאָלד באַפּליטערט,
שטיל אָטעמט זי, און אויף איר ברוסט
שעמערירט דאָס גאָלד, שעמערירט און ציטערט.

ווי שאָף צעשפּרייט, די קליינע כוואַליעס
שטיל וויגען זיך אין לייכטען דרימעל.
סע ציטערען אין ים די שטערען —
ווער איז דאָ ים און ווער איז הימעל?

צוויי ים׳ען שלאָפען דאָ צוזאַמען
צונויפגעלעגט, ווי גלייכע ברידער;
איין דריטער ים אין מיטען שלאָפט נישט:
מיין האַרץ מיט זיינע נייע לידער.

*

די פּרינצעסין שבת.

(הײנע)

אין די אַלטע בבא-מעשות
קומען פאַר גלגולים פּרינצען,
וואָס זײ נעמען אָן צו צײטען
זײער ערשט-געשטאַלט צוריק.

אָט דער וואָלקולאַק, דער מיאוסער,
איז צוריק אַ פּרינץ געוואָרען,
שײנט און לײכט אין בגדי-מלכות,
שפּילט אַפילו שוין·אַ ליבּע.

טיט אַמאָל פאַרשווינדט דער כּשוף —
און מיר זעהען פלוצלינג ווידער
זײנע קעניגליכע האָהײט
אין אַ וואָלקולאַק פאַרוואַנדעלט.

פון אַ פּרינץ אַזוינעם וועל איך
זינגען יעצט — ישראל הײסט ער.
אים האָט דאָס אַ מכשפה
אין אַ הונט שוין לאַנג פאַרוואַנדעלט.

האָט מיט הינטישע געדאַנקען,
אויסגעוואַלגערט אַלע מיסטען,
שלעפּט ער זיך אַרום אַ גאַנצע
וואָך צום שפּאָט פון גאַסען-יונגען.

אָבער יעדען פרייטאָג-אָווענט,
בין-השמשות, טרעפט אַ וואונדער:
פּלוצלינג פאַלט פון אים דער כּשוף,
אויס הונט — ווידער מענש געוואָרען.

מענש מיט מענשליכע געפילען,
ריין, געצירט אין בגדי-כבוד,
הויך זיין קאָפּ און האַרץ ערהויבען
טרעט ער איין אין פאָטערס פּאַלאַץ.

„זיי געגריסט, געליבטער פּאַלאַץ
פון מיין קעניגליכען פאָטער!
יעקבס געצעלטען! ציטרינג קוש איך
אייערע אַלטע הייליגע טירען.

דורך גאָטס-הויז שוועבט דורך אַ ציטער,
שטיל באַוועגען זיך די ליפּען.
שאַ! די קעניגין די שכינה,
בענשט, פאַרמאַכט די אויגען, ליכט —

גאָלד׳נע ליכט פון טרייסט און קדושה!
אויף דעם ווענטעל פון דעם עמוד
גלענצט איר, ווי אַ שטערענטיכעל
אויף דער מאַמעס ליבען שטערן.

פרום און צניעותדיג פאַרהאַנגען
מיט דעם זיידענעם פּרוכת
אין איר סאַמעטענעם מענטעל
שטעהט די ריינינקייט אין אָרון.

שטעהט און וואַרט... אָט קומט דער חזן
איינגעהילט אין ווייסען טלית
רופט ער אויס דעם זיסען רוף:
„לכה דודי לקראת כלה!"

„לכה דודי — קום געליבטער,
נעם אַריין דיין שיינע כּלה,
זי האָט אָפּגעדעקט איר שלייער,
איר פאַרשעמט געזיכט אַנפּלעקט דיר".

אָט דער שיינער שיר-ידידות
איז פאַרפאַסט שוין לאַנגע יאָרען
פון אַ וועלט-באַרימטען זינגער
לכּבוד די שיינע חתן-כּלה.

אין דעם מזמור ווערט באַזונגען,
ווי ישראל האָט אויף אייביג
זיך פאַר'קנסט די מלכּה שבת,
וואָס מען רופט „די שטילע פירשטין".

בלום און פּעריל אַלער שיינהייט
איז די מלכּה! וואָס מיר, ווער מיר
מלכּת-שבא אין איר פאַרגלייכען,
די, וואָס איז געפעלען שלמה'ן...

יענע כּוש'ער שטריימעל קלוגט זיך
און פֿאַרמאָגט אַ מויל אויף שרייפֿלעך,
עסט זיך איין מיט אירע חכמות
און פֿאַרדרעהט דעם קאָפּ מיט חידות.

נישט ווי זי איז פּירשטין שבת.
ווי אַ טויב אַ שטילע איז זי,
רוהיג ווי די רוה אַליין,
ווייסט נישט פֿון קיין איבּערשפּיצלעך.

נישט געחקירט זיך, געפּלפּולט,
נישט געבּריהט זיך, געפֿילדערט,
נישט געשפּריצט מיט ווערטער פֿונקען,
טרייסלענדיג מיט האָר צעלאָזטע...

פֿרום פֿאַרבּאָרגט די שטילע פּירשטין
אירע צעפּ אין ווייסען הייבּעל,
בּליקט אַ זאַנפֿטע, ווי אַ הירשין,
בּליהט אַ שלאַנקע, ווי אַ הדס!

זי ערלויבּט איר ליבּסטען אַלעס
אויסער איין זאַך — טאַבּאַק רויכען:
ליבּסטער, רויכען איז פֿאַרבּאָטען,
ווייסט דאָך, היינט איז שבּת-קדש...

איך וועל דיך דערפֿאַר בּאַלוינען
מיט אַ מאכל — טעם גן-עדן.
טשאָלענט הייסט ער — אָט דעם מאכל
האָט אונז גאָט אַליין געגעבּען

אַ מתנה פון זיין נאָמען
מיט דעם שבת פון באַרג סיני
דורך די דונערען און בליצען —
טשאָלענט זאָלסטו מיר היינט עסען...

אָפּגעגעסען סעודת-שבת,
זיצט דער פּרינץ און שיינט פון תענוג.
מיט פאַרקלערטע אויגען קוקט ער,
רעדט עפּעס מיט זיך אונשמייכעלט:

„הער איך נישט דעם ירדן רוישען?
איז דאָס נישט אַ קלאַנג פון קוואַלען
אין דעם פאַלמען-טאָל פון בית-אל,
וואו סע „הויערען" די קעמלען?

הער איך נישט די הערדען-גלעקלעך?
איז דאָס נישט אַ קול פון שעפּסען,
וואָס דער פאַסטוך טרייבט אַראָפּ —
אָוועגט-צייט פון הרי-גלעד?"

דאָך דער שיינער רוה-טאָג שטעהט נישט.
ווי מיט שאָטען-פיס מיט לאַנגע,
שפּאַנט אַלץ נעהנטער די בייזע
שלעכטע שעה. דער פּרינץ פאַרזאָרגט זיך.

קאַלטע מכשפה-פינגער
שפּירט ער קלעמען אים באַם האַרצען.
און דעם פּרינץ נעמט דורך אַ שוידער:
באַלד אויס מענש, צוריק אַ הונט זיי...

די פרינצעסין טראָגט אים אונטער
אין אַ גאָלדען רערעל בשמים.
לאַנגזאַם שמעקט ער, נאָך איין מאָל כאַטש
מיט דעם זיסען ריח זיך קוויקען.

פון פרינצעסינס האַנט דעם לעצטען
אַפּשיד-בעכער אויסגעטרונקען,
שפּריצט ער אויף דעם טיש די לעצטע
טראָפּענס און לעשט אויס דאָס לעכטעל.

*

III

נאַטור

אויף דעם הויכען באַרג...

אויף דעם הויכען באַרג,
אויף דעם גרינעם גראָז
האָב איך קינדוויז שטום
אָפּגעטרוימט מיין גליק...
וואָס האָב איך געוואָלט —
כ׳ווייס אַליין ניט וואָס, —
כ׳ווייס נאָר, אַז עס קומט
קיינמאָל מער צוריק...

אפשר ווייסט דער ווינט
און דער זונענשטראַל,
וואָס האָט מיר געשפּריצט
אין די אויגען גאָלד,
און דער טיפער טאָל
און דער ריינער קוואַל —
וואָס מיין קינדערש האַרץ
האָט זיך זוי געוואָלט...

אויף דעם הויכען באַרג
דאָרטען אויס דער שטאָט
אויף דעם גרינעם גראָז
האָב איך זיך דערפילט...
כ׳האָב דאָרט שטילערהייט
זיך געזעהן מיט גאָט,
און מלאכים האָבען
זיך מיט מיר געשפּילט.

פרייטאָג — זומער-לעבּ —
קוים דערלעבּט די שעה!
פריי פון חדר-יאָך,
ווערט די לופט מיר קאַרג:
ווער מיר מהר״ם-שיף!
וואָס מיר מהרש״א!
גיך אַוועק אַהין —
אויף דעם הויכען בּאַרג!...

דאָרטען עפענט זיך
גאָר אַ נייע וועלט,
אַלעס בּאָדט זיך דאָרט
אין אַ ים פון ליכט.
פון איר פוטערפאַס
קוקט די זון און קוועלט,
ווי דאָס גרעזעל וואַקסט,
ווי דער וואָרעם קריכט.

גאַנצע וועלטען-נייסט
גיסט אין מיר אריין
יעדער שטילער בּלאָז,
יעדער זונענשטראַל;
מיט דעם פולען מויל
טרינק איך לופט און שיין,
און אין האַרצען טיף
עפענט זיך אַ קוואַל — —

אוי, אַהין, אַהין...
ערגעץ ווייט, גאַנץ ווייט... —
האָט מיין קינדערש האַרץ
שטומערהייט געגלוסט

און אַזוי געביינקט...
וואו? אין וואַסער זייט
שטעקט דאָרט מיין ,אהין׳? —
האָב איך ניט געוואוסט.

נאָר די שוועלבעלעך
האָבען יאָ געוואוסט,
און אויף פייגעל-שפראַך,
פליהענדיג פאַרביי,
האָבען כאַפענדיג
מיך פון דאָרט געגריסט
און אוועקגעשוועבט
פרעהליך, פראַנק און פריי.

אויף דעם הויכען בארג,
אויף דעם גרינעם גראָז
האָב איך קינדוויז שטום
אָפּגעטרוימט מיין גליק...
— וואָס איז דאָס געוועזן? —
ב׳ווייס אליין ניט וואָס, —
ב׳ווייס נאָר, אַז עס קומט
קיינמאָל מער צוריק...

*

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטעט...

עס האָט מיך פאַרפּלאָנטעט מיט גרינס און מיט בלומען,
וואו באַבאָטשקעס צאַפּלען אין נעצען פון שטראַלען,
וואו ס׳ציטערט די לופט פון דעם גרילצען און זשומען —
און איך בין פאַרכּשופט צו דר׳ערד צוגעפאַלען.

ס׳איז היים, ס׳איז שיין, ס׳איז גוט! — אפילו
די האַלב דערוואָרגענע געפילען —
זיי ווילען אויך די זון דערלאַנגען,
און צאַפּלען ווייכע, גרינגע, שטילע,
און שטעקען קעפּלעך, ווי די שלאַנגען,
זיך ציהענדיג אַלץ העכער, העכער
מיט האַלבען גוף פון שוואַרצע לעכער.
דאָס האָט אויף מיר אַ קוק געטון
גאָטס מילדע זון.

ס׳איז היים, ס׳איז גוט! גאָטס וועלטעל גלאַנצט,
אין טיפען גראָז — דאָרט שמיצערט, טאַנצט.
דער סטעפּ — מיט בלומעלעך געצירט,
וואָס גאָט אַליין האָט זיי געפלאַנצט,
פאַרשפּרייט זיך ווייט און געהט אוועק
גאָר אָהן אַן אָנהויב, אָהן אַן עק.
און איינזאַם דאַ צווישען גראָז
שפּיר איך אין מיר אַ גאַנצע וועלט —
דאָס האָט געטאָן אויף מיר אַ בלאָז
מיט פרייען פעלד.

ס׳איז שאַ, ס׳איז שטיל... אָט דאָ געשווינד
איז דורכגעפלויגען, ווי אַ פייל,
אַזוינס, וואָס האָט געשמעקט מיט קינד
און ליגט שוין ווייט פאַר טויזענט מייל.
דאָס האָט געטאָן אַ גלאַנץ, אַ בליץ,
און גלייך אין אויג דערלאַנגט אַ שפּריץ
מיט טראָפּענס טוי פון זיסען גליק,
פון יונגען גליק, וואָס ווערט נישט אַלט, —
דאָס האָט אויף מיר געטאָן אַ בליק
דער גרינער וואַלד.

*

אונטער די גרינינקע בוימעלעך

אונטער די גרינינקע בוימעלעך
שפילען זיך משה׳לעך, שלמה׳לעך;
ציצית, קאַפּאָטקעלעך, פּאה׳לעך —
אידעלעך פריש פון די אייעלעך.
גופ׳עלעך — שטרוי, רויך און פעדערלעך,
נעם און צעבלאָז זיי אויף גלידערלעך —
כאַפּען זיי אויף גרינגע ווינטעלעך
און סע צעטראָגען זיי פייגעלעך.

נאָר איין זאַך פאַרמאָגען זיי — אויגעלעך,
די אויגען פאַרמאָגען צוויי פינטעלעך,
וואָס גליהען און פינקלען און טוקען זיך,
און עפּעס ווי נביאיש און וואונדערליך
פאַרטראַכטען זיך טיף און פאַרקוקען זיך
אויף נעכטיגע טעג און אויף פייגעלעך —
אוי! מיר זאָל זיין, אידישע קינדערלעך,
פאַר אייערע כשרה אויגעלעך!

*

מיין גאָרטען

ווילט איר, אפשר, זיין אַ בעלן
אָנקוקען מיין שיינעם גאָרטען —
זייט זשע מוחל, קומט אַרויס,
קוקט אים אָן — אָט שטעהט ער דאָרטען!

אָהן אַן הרע גרויס און רייך —
כ׳זאָג אייך, איינער אין דעם שטעטעל.
זעהט נאָר, ווי עס קוועלט אין אים
יעדער בוים און יעדעס בלעטעל...

אויסגעצוואָגען פון דעם טוי,
פון די שטראַלען אויסגעבאָדען,
שטעהען בוימער אַלערליי
מיט די פּירות אָנגעלאָדען.

שווערע עפּעל, רויטע עפּעל
בייגען צו דער ערד די צווייגען,
און די באַרען — זעהט נאָר באַרען —
הייגנען שטיל זיך דאָרט און שווייגען.

שוואַרצע ווינשעל בלינצלען עפּעס
ממזר׳ש, גנבה׳ש, ווי מיט אויגען...
נו, און פלוימען — אָט די פלוימען —
מיט אַ בלויען הויך באַצויגען...

היינט די פערשקעס — איינמאָל פערשקעס!
פּוכלע, העריג, פריש און איידעל,
פּונקט ווי קיילינגע בעקלעך
פון אַ פופצען-יעריג מיידעל...

יאָ, אַ דאַנק זיין ליבען נאָמען,
כ'האָב אַ רייכען, שיינעם גאָרטען!
אָהן אַן הרע אַנגעפּאַקט
פּירות, פּרוכט מכּל הסאָרטען.

כ'האָב אים, אָט דעם שיינעם גאָרטען,
ס'זאָל אים קיין בייז אויג נישט שאַטען,
ליב דאָס לעבען; שייך ליב? —
כ'זאָג אייך: עפּעס ווי אַ טאַטען...

זומער-לעב נאָך מיטאָג. היינו:
נאָך אַ יויך און נאָך געבראָטענס,
נעם איך און פאַרשטעק זיך טיף
און צעלייג זיך דאָרט אין שאָטענס —

בּרייטליך אָט אַ דאָ, למשל,
אונטערן בּאַרענבּוים דעם גרויסען...
מיני פויגעל אַלערליי,
שדים ווייסען, ווי זיי הייסען —

הם.. קאַנאַריקלעך, אַשטייגער,
זינגען, קלינגען, קנאַקען, שאַלען
און דאָס שיט זיך אויף מיין קאָפּ
מיט געזיפּטע בּרעקלעך שטראַלען...

טוט זיך נאָר דער בּוים אַ טרייסעל —
בּאַלד צעלויפט זיך אויף דעם שאָטען,
גיך, ווי מייזלעך, פלעקען גאָלד —
און איך ווער מיט גאָלד בּאַשאָטען...

און זיי פלאָנטען זיך אין בּאָרד,
און זיי קריכען אין די אויגען,
קיצלען, ראַנגלען זיך — פרעגט וואָס?
נישט געשטויגען, נישט געפלויגען...

מאַכען חחק פון אַ אידען,
כ'ווייס נישט, וואָס זיי ווילען האָבען;
הוידען, גליטשען זיך אויף מיר —
טפו, אַ רוח אין זייער באָבען!...

ליגענדיג אַזוי און זעהן,
ווי עס ציטערט יעדעס בלעטעל —
דוכט זיך מיר, איך וויג זיך שטיל
אין אַ גאָלד געפלאָכטען בעטעל...

און פאַרקוק זיך גלאַט אַזוי
אויף די פּיצלעך, שטיקלעך הימעל...
און עס וועבט זיך אויף די אויגען
זיס און ווייך און שטיל אַ דרימעל...

ווייסט איר: ווייך און זיס אַזוי...
— עפּעס מעשה יצר-הרע...
יאָ, וואָס זאָגט איר? דאַנקען גאָט —
ס'איז אַ גאָרטען אָהן אַן הרע!

טרעפט זשע, וואָס איך בין אַ בעלן
טון, אַשטייגער, מיט מיין גאָרטען? —
באַלד אם-ירצה-שם נאָך תמוז —
נעם איך — רייס אַרום די פרוכטען...

ראשית, וועל איך אָט די ווײַנשעל
פון דעם בוים מחילה בעטען,
און וועל האַלב מיט בראָנפען „שטעלען"
און מיט צוקער האַלב אָנשיטען —

ווישניאַק, הייסט דאָס, ווי איר ווילט —
ווילט איר זיסען, ווילט איר שטאַרקען...
כאַפּט זשע נישט, איצט לאָמיר נעמען
אָט די פערשקעס, וואָס באַם פאַרקאַן...

אַט די פּערשקעס, ווי איר זעהט זיי,
באַלד ווי נאָר זיי ווערען פאַרטיג,
פּרעגעלט „מיינע׳ איינגעמאַכטס —
אָבער איינגעמאַכטס גרויסאַרטיג!

ס׳איז כּדאי אים אָנצוקוקען.
יאָ, איך מעג דאָס אייך פאַרגינען...
פון דעם בּוימעלדינגען סיראָפּ
שיינען פּערשקעס ווי בּורשטינען...

האָב איך אייך געזאָגט גרויסאַרטיג —
מעגט איר זיך אויף מיר פאַרלאָזען;
„מיינע׳, דאַנקען גאָט, פאַרשטעהט,
ווי מען טוט מיט אַבּריקאָזען...

נאָכדעם געהט אַ סדרה פלוימען...
כאַפּט זשע נישט און לאָזט זיך ריידען —
פון די פלוימען ווערט פּאָווידלע —
און פּאָווידלע — טעם גן-עדן!

צוויי מעת-לעת געפּרייהט אין אייוועס
אין איין עמער-טאָפּ אַ גרויסען
מיט געווירצען, רייבּט מען נאָכדעם... —
נישט דאָס אָבער בּין איך אויסען...

כ׳זאָג אייך: ס׳איז אַ מאכל — היינו:
בּרויט, למשל, צו בּאַשמירען...
איצטער — יעמוד ר׳ בּעריל!
בּאַרען, הייסט דאָס, איינמאַרנירען...

ווילט איר פון מאַרנירטע בּאַרען
זיין, ווי זאָגט מען, עכט צופרידען —
זאָלט איר טון אַזוי ווי „מיינע׳:
פריהער דעם עסיג איבּערזידען, —

און פאַרשטעהט זיך, אַז מיט צוקער
מיט געווירץ און לאָרבער-בלעטער!
נאָר די באַרען גופא זאָלט איר
דאָרט אַריינלייגען ערשט שפּעטער...

גאַנצערהייט, נאָר אָפּגעשיילטע,
מיט די שטעקעלעך אפילו —
און איר מעגט שוין זיין באַוואָרענט —
ס'וועט נישט צוקערען, חלילה...

אָפּגעטאָן די באַרען זייערס —
הויבט איר אָן די עפּעל רייסען;
און פון עפּעל האָט איר צימעס,
קוגעל, קנישעס צום פאַרבייסען.

מיינט איר אפשר דאָס איז גאָר? —
פע, אַזוי איז מעשה פרעסער!...
דוקא פון די שענסטע עפּעל
שטעל איך עפּעל-קוואַס דריי פעסער...

ווייסט איר, שבת נאָכן שלאָף
אין אַן אָסיען-טאָג אַ מיאוסען,
ווען עס ווילט זיך, נאָר מען קאָן נישט
נישט קיין גענעץ טון, נישט ניסען...

און סע גלוסט זיך, נאָר מען ווייסט נישט
זים צי זויערס? עפּעס וויניגס... —
דעמאָלט איז אַביסעל קוואַס
מיט אַ קיסליצע — אַ תענוג!...

דוכט זיך — גאָרנישט, קליינינקייטען —
נאָר די אַלע זיבען זאַכען
וועלען, מ-ירצה-שם, מיין שטוב
זומערדיג אום ווינטער מאַכען.

אין די ווינטער נעכט די גרויסע,
קומען גוטע ברידער שמועסען,
מיך מהנה זיין, דערווייל
טאַקע עפּעס גוטס געניסען...

זיי אַרומזעצען באַם טיש,
וועל איך אַ געשריי טון: „פאַני״!
— „מיינע״, הייסט דאָס — נו, באַווייז זיך,
זיי מכבד „די קאָמפּאַני״!

מילא, רעדט מען נישט פון טיי,
קיכלעך, קאָרזשעס, פלאָדען, טאָרטען
און כדומה דאָרט געבעקסען —
נאָכדעם — יעמוד מיין גאָרטען!

און אין איין מינוט וואַקסט אויס
אויף מיין טיש אין מיטען ווינטער
באָרען, פלומען, פערשקעס, ווײַנשעל —
און סע ווערט, ווי זאָגט מען, מתטער...

באָרען — מיינט מען אײַנמאַרנירטע;
ווײַנשעל — מיינט מען ווישניאַק שוואַרצען;
פלומען, פערשקעס — הייסט פּאָווידלע
און כדומה אײַנגעמאַכטסען.

און דער עולם כאַפּט זיך צו —
שטערענס שוויצען, פּיסקעס קנאַקען,
און מען אַרבעט לאַנג, געשמאַק
און מען רייבט אויף ביידע באַקען.

עפּעס אויך די ליכט, די וואַרעם
ווערען, פרעהליכער, געשמאַקער,
און מיין בליצלאָמפּ, דוכט זיך, ברענט נישט
מיט אַ פלאַם, נאָר מיט אַ פלאַקער...

אויך די צינגלעך ווערען שאַרפער
און סע בליצט אַ שפּיציג ווערטעל,
באַלד, נישט אויסגערעדט זאָל זיין,
געהט מען איבער צו אַ קערטעל...

און פאַרטיפט מיט זיי אינאיינעם
אין געווינסטען און אין שאָדען —
הער איך איינער, ווי סע קלאַפּט מיר
שטילערהייט אַ בוים און לאָדען:

„בעל-הבית! אוי, מיר איז פינסטער!
בעל-הבית! אוי, מיר איז ביטער!
נאַקעט בין איך, און דער ווינט שמייסט
מיך אַליין מיט מיינע ריטער“...

כאַפּט מיך אָן באַם האַרץ און טוט,
מישענדיג דאָס טעשעל קאָרטען,
אַ קליין קרעכצעל: „נעבעך, נעבעך,
אַ רחמנות אויף מיין גאָרטען“!...

*

ערב פריהלינג*)

עפּעס איז די לופט מעוברת,
און אפּנים — מיט אַ צווילינג:
כאַפּט אַ פרעסטעל — דוכט זיך, ווינטער,
בלאָזט אַ ווינטעל — דוכט זיך, פריהלינג.

כ'שטעה אויף פריה — דער דאַך געזילבערט
און אַ בעלמע אויף די שויבען;
דאָך אין דרויסען פליהען העכער
צו דעם הימעל ווייסע טויבען.

און די צעפּלעך אייז, ווי ליכטלעך,
אָנגעצונדען מיט אַ העלען
שטראַל, צעשמעלצען זיך און טריפען, --
צי זיי ווינען, צי זיי קוועלען?...

נעמט דעם לוח! — וואָס, אַ פריהלינג?
וויס איך, וואָס ער בעבעט דאָרטען!
ציגען זאָלען אזוי וויסען
שפּרינגען אין דעם רבינס גאָרטען!

מאָל-דיך, פריהלינג איז נאָך ניט,
ס'איז לעת-עתה ערב פריהלינג,
און לעת-עתה בלייב פאַרשפּיליעט —
קאָנסט נאָך כאַפּען אַ פאַרקילונג.

---

*) געשריבען באַלד נאָך דעם פּאָליטישען אזוי גערופענעם „פריהלינג" אין רוסלאַנד.

אָבער איך — איר הער קיין וועלט נישט,
איך צעשפּיליע די קאַפּאָטע
און איך לויף אויף גאַס בּאָרװעס
טאַנצען מיט אַ שטראַל אין בלאָטע.

מיר געפעלט דער ערב פריהלינג
דוקא ווי ער שטעהט און געהט,
אָנגעטאָן אין שמאַטעס־וואָלקען
מיט אַ גאָלד'נעם שטראַל בּאַנייט.

איך האָב ליב זיין קאַלטען ווינט,
וואָס ער פּאַטשט אין האַלז און אַקען,
ווען פון פאַרענט קושען, הלובען,
זיסע ווינטלעך מיינע באַקען.

מיך אַנטציקט זיין פּיצעל הימעל,
וואָס אַנטבּלייזט זיך פריש און איידעל,
ווי דאָס יונגע פרומע לייב
פון אַ אידיש כּשר מיידעל.

כ'וועל צעשמאָלצען, כ'קוועל פאַר תענוג,
ווען אַ ברען, אַ שטראַל אַ פרייער
טאַנצט און שפּילט זיך מיט דעם שאָטען,
און דער שאָטען שפּילט מיט פייער...

יאָ, כ'האָב ליב זיין איידלען שפּילען
פון די דינסטע, ריינסטע גאַמען
ליכט און שאָטען... עפּעס האָט דאָס
טויזענט חנ'ען, טויזענט טעמ'ען;

עפּעס מינעט זיך די לופט,
ווי אַ כּלה בּאַם איינגעמען...
טוט אַ שיין — און ווערט פאַרשעמט,
שטראַלט — און לאָזט אַראָפּ די בּרעמען...

אָט ווערט ליכטיג, אָט ווערט דונקעל
און אָט גיסען זיך צוזאַמען
ליכט מיט שאָטען... יאָ, דאָס האָט
טויזענט חנ׳ען, טויזענט טעם׳ען...

און דער טייך? — איר הערט זיין קרעכצען
און זיין סקריפּען פון דער ווייטען?
עפּעס נעצט דאָרט, עפּעס פּלאַצט דאָרט,
עפּעס שפּאַרט דאָרט אין די זייטען.

עפּעס רודערט זיך דאָרט אונטען...
בּאַלד, אָט בּאַלד וועט זיך בּאַווייזען,
וואָס דערשטיקטע קרעפטען קאָנען,
ווי די נויט בּרעכט אייז און אייזען...

אַלע שטראָמען שטילע וואַסער,
ווי מיט איין געדאַנק און עצה,
וועלען זיך אַ נעם טון „ראַזאָם"
און אַ שפּאַר טון מיט איין פּלייצע —

„ראַזאָם, בּרידער!" — און צעבּראָכען
מוז די גראָבּע אייז-דעק ווערען,
די, וואָס האָט פון זיי פאַרשטעלט
הימעל, זון, לבנה, שטערען.

און באַפרייטע, ברייטע כוואַליעס
וועלען טרייבען דורך די בריקען
גאַנצע מחנות שטיקער אייז —
זיי צום שוואַרצען ים פאַרשיקען:

„געהט צו אַלדע שוואַרצע ימים!" —
און צעבראָכענע אויף פיצלעך,
וועלען זיי אין וועג באַקומען
קאַלטע פעטש מיט הייסע שמיצלעך.

פאַטשען — וועלען שטרייגגע כוואַליעס,
שמייסען — וועלען ריטער-שטראַלען;
פיש אין וואַסער וועלען זינגען,
שטומע שטיינער וועלען שאַלען...

און דער טייך, באַפרייט און גליקליך,
וועט זיך בּרייט און ווייט צעגיסען
און דעם ליבען שיינעם פריהלינג
מיט אַ שמייכעלע באַגריסען...

*

IV

פרעמדע איבערזעצונגען

ווינטער־לידער

I

אויפגעוועקט האָט היינט פון שלאָף מיך
פריהע קעלט, אַ קררא פון ראָב —
און איך ווייס נישט, וואָס איז פּלוצלינג
אַזאַ פרייד אויף מיר אַראָפּ.

ווער האָט דאָס געשיינקט מיין הארצען
אומגעריכט אַ גליק אַ נייס,
וואָרום איז מיין צימער פּלוצלינג
חנ׳עוודיג און בלווילעך-ווייס.

זעה, אַ וועלדעל!... אויף די שויבען
וואַקסט עס פריש אין ווינטער־פּראַכט,
אויפגעבליהט, ווי אהרנס שטעקען,
האָט דער פענסטער איבער נאַכט.

סאָסנעס, דעמבעלעך באַשנייטע,
און פון פּאַלמען דאס געשטאַלט.
גוטען מאָרגען, ווינטער־שפּראָצונג!
בראַוואָ, קליינער, מילדער וואַלד!

און אַ קאַלטער גלאַנץ אַ העלער
האָט מיין צימער פול געמאַכט,
גלייך עס וואָלט אַראָפּ אַ מלאך
און עס אויסגעקאַלכט די נאַכט...

ס׳האָט דער ווינטער-גלאַנץ דער פרישער
די נשמה מיר באַניַיט,
פונקט עס וואָלט אַ וויַיסער מלאך
זי פון שמערץ און זינד באַפריַיט.

II

ס׳האָט דאָס אייז באַדעקט מיַין פענסטער,
האָט די ליבע זון פאַרשטעלט,
נאָר אין מיטען האָט אַ פּתק זיך
אָנגעצונדען און געקיַיקעלט.

ס׳האָט אַ גאָלדן מאָרגען-שדיל,*)
זונענשטראַל און זונענשטויב,
אומגערין זיך דאָ פאַרפּלאָנטעט
אינם וועלדעל אויף דער שויב...

און ער פלאַטערט דאָרט, דער שטיפער,
שמעלצט זיך, פלאָנטעט זיך אַלץ מער;
פּלוצלינג גיט ער זיך אַ צאַפּעל,
און עס ווערט פון אים אַ טרער...

באַלד — אַ טראָפּען נאָך אַ טראָפּען —
ווידער איז די שויב קריסטאַל...
שפּרינגט אַריַין אַ חיל שטראַלען
און באַפאַלט מיך מיט אַמאָל!

זי, די זון, האָט פאָרט דערטאַפּט מיך,
פּתח, אין שטוב — און שפּרינג אַריַין, —
אויסגעשאָסען גליַיך אין פּנים
אַלע אירע שפּיזען שיַין.

---

*) אין אָריגינאַל: „צפרירי״ אַ תּלמודיש וואָרט, ד. ה. אַ באַגינען רוחל, וואָס טראָגט פונאַנדער די בשורה, אַז די זון געהט שוין אויף.

ווידער קוקט אַ טאָג אין פענסטער,
אַזוי זיכער, קאַלט און העל,
ווידער פרענגט מיין הארץ פון קרעפטען,
איך בין ווידער יונג — און קוועל...

ס'ווערט מיין האנט אַ פלעצעל אייזען,
און מיין אָרעם אָנגעשטאָלט;
כ'וואָלט אַ לייב, מיר דוכט, צעריסען,
כ'וואָלט אַ ריז אויף שטויב צעמאָלט.

III

אויף דער שוועל האָט מיך באגעגענט,
אָפּגעגאָסען אומגעריכט, —
בליוף אין פנים! — כ'ווייס אליין נית,
וויפיל שעפעל קאַלטע ליכט.

כ'ווייס אליין נישט, וויפיל זונען
האָבען גאָלד אויף מיר געשפּריצט...
ווייט האָט זיך אנטבלויזט גאָטס וועלטעל,
פרעך געפינקעלט און געבליצט...

וואו נאָר ס'קאָן דאָס אויג דערגרייכען
גלאַנצט גאָטס וועלטעל, שעמערידט,
אויסגעשאָטען מיט בריליאַנטען
און מיט דימענטען פארצירט.

ס'איז דער פראָסט אליין דער מושל,
שטאַרק און קרעפטיג איז דער ריז,
ס'דינען קעלט און שיין צוזאמען:
דער מיט נאָדעל, דער מיט שפּיז...

א באַפּעל, זעהט אויס, א שטרייננגער
דורכגעגאַן איז היינט באַנאַכט:
„ווייס זאָל ווערען! מאָרגען ז׳ יום-טוב!
צירט אייך אויס אין שענסטען פּראַכט׳!

און עס האָט א שניי א פרישער,
ערשט פון הימעל, שפּאָגעל ניי,
גיך פאַרשאָטען וואו א גריבעל,
וואו א פלויט פאַרדעקט דערביי.

און עס האָבען מאַרמאָר-ווייסקייט,
גאָלד און זילבער און קריסטאָל
זיך צעוואָרפען און צעשאָטען
און צעשפּילט זיך מיט אמאָל!

קלאָרע לייַלעכער צעוויקעלט,
אויסגעבעט די גאַנצע שטאָט,
זילבער-קייטלעך אָנגעהאַנגען
אויף דעם טעלעגראַפען-דראָט.

טישטיכער געשפּרייט אויף דעכער,
מיט קריסטאָל׳נע פרענז באַצירט; —
גאָטס א גרויסער, ווייסער יום-טוב
איז געקומען — און רעגירט!

און די ווייסקייט בלענדט און צויבערט...
אין דער הויך, פון אויג פאַרשטעלט,
פלעכט א האַנט פון גאָלדענע שטראַלען
טויזענט קרוינען גאָר דער וועלט.

שטעהט אַ דעמב באַזעצט מיט פייגלעך,
דורך באַגלאָזט, דורך — בליץ און בלאַנק
און פאַרהילעכט דעם פריהמאָרגען
מיט אַ לעבעדיגען קלאַנג.

IV

אוי, צעשפיל דיך, פראָסט, מיט וואוט,
סמאַליע, שטעך און ברען און גלוט!

גיס דיין שטאָל אין האַרץ בא מיר,
אויף מיין וואָנס דעם הויך באַפריר!

און באַשמיד מיין ברוסט מיט אייזען,
טאָמער וועט זי זיך צערייסען

פון פיל גבורה און פיל וואוט.
הוליע, פראָסט, און ברען און גלוט!

שטריינג די מוסקלען אָן, ווי שטריק,
און מיין הויך אין האַלז פאַרשטיק!

פינקלענד, שטראַלענד שעמעריר,
וואָס אַמאָל אַלץ מערער פריר!

V

ס׳ציהט אַ רויך זיך פון די קוימענס,
קרויזט זיך רוהיג און באַזאַכט,
אויף דעם ווייסען שניי די ראָבען —
לעבעדיגע שטיקלעך נאַכט...

‚שריק—שראַק, שריק—שראַק‘, קריצט דער שניי דאָרט,
און פון אַלע זייטען נאַס
הערט אַ קריג זיך, ווי פון מעסערס,
וועלכע רייבען זיך מיט כעס.

ווי אַ שווערדען-קלונג אין לאַנגער
אומעטום נאָר קריצט און קראַכט —
פון דעם שניי, וואס ווערט צעריבען
אונטער טריט מיט פעסטער מאַכט...

דאָס איז מאָרגען-טריט, וואָס סקריפען
פול מיט לעבען, פריידען פיל;
ס׳פליהען פערד... די נעזער פאַרען,
ס׳קלינגען גלעקלעך: ציל, ציל, ציל...

און פורפורנע, בלויע נעצען,
פיס געטאַקטע, העלזער — רונד,
וואַרפען, שפריצען שניי-ראַקעטען,
פליהען דורך — און זיי געזונט!

ס׳ווייזען זיך נאָר און דעם שטורעם,
וועלכער טראָגט אַהין און קריק,
ראָזע, פלאַמענדע געזיכטער,
אָנגעצונדענע פון גליק.

ס׳טראָגט זיי, ווי מיט ווילדע רוחות
וויינט אַוועק דאָרט, פאָר נאָך פאָר,
ווייט, וואו ס׳וואַקסט דער ווייסער פעפער,
העט צוו אַלדע ווייסע יאָר!

פונקט ווי ס'וואַלט איין ווילדער חשק
אָנגעכאַפּט זיי: מיט אַמאָל
אין איין אָטעם איבערפליהען
שטאָט און פעלד און בּאַרג און טאָל.

הפקר, הפקר! אַלץ איז הפקר!
הוי, דו קוטשער! טראָג געשווינד!
וואַרף אַריין מיך אין דעם וויכער
און צעבּלאָז מיך אויף דעם ווינט!

טראָג מיך ווייט! וואוהין? ניט פרעג מיך.
איינס איז מיר! אַוואו נאָר ס'גליהט
כאַטש אַ פונק פון פרייד און לעבּען
און אַ טראָפּען בּלוט נאָר זידט.

יאָ, איך בּין אַ ישיבה־בּחור,
מיין געזיכט, ווי קרייד איז ווייס;
נאָר אין זיך פאַרבּאָרג איך קרעפטען
אונטער אַ דיקען פאַנצער אייז.

און מיין אייז — עס שמעקט מיט פריהלינג,
וואָס איז פול מיט פראַכט און לוסט.
אַזאַ נייעם, פרישען פריהלינג
האָט קיין מענש נאָך נישט געוואוסט!

וואָס־זשע בּרומט איהר, טעלעגראַף־דראָטען,
אַזוי אומעטיג און קאַלט!
ס'רוישט אין האַרץ אַ שטראָם פון לעבּען,
ס'זינגט דאָס בּלוט אין מיר און שאַלט!

עך! אראָפּ די מרה-שחורה!
זעה, ווי שיין איז ד'וועלט פּאַרציערט!
כ'וויל דעם לעבּענס-כּוס אויסטרינקען,
איידער ס'האָט אים ווער בּאַריערט!

בּיז צום גרונד וויל איך אויסטרינקען
מיט איין זופּ דעם גאַנצען כּוס!
כ'וויל צעגיסען היץ און יוגענט
אָהן אַ חשבּון, אָהן אַ מאָס!

ווען דאָס האַרץ וועט ווערען ליידיג,
אויסגעטריקענט, פּוסט און קאַלט, —
טראָג מיך, בּריינג מיך הינטערן שטאָט ווייט,
דאָרטען וואַרט אַ טיפער וואַלד...

ס'שטעהען שטאָלץ דאָרט הויכע סאָסנעס,
ווי די זיילען אין אַ שלאָס.
אַלץ איז גרייט און ריין... מען ווייס נישט,
צוליבּ וועמען, צוליבּ וואָס...

ס'שטעהט דער וואַלד פאַרקלערט, פאַרזונקען
אין אַ טיפען, ווייסען סוד.
אויף אַן אומבּאַפלעקט מזבּח
דעמפּט ער ווייסען שניי צו גאָט...

קלאָרען שניי, נאָך אומבּאַריהרטען,
כ'ווייס אין יענעם וואַלד אַן אָרט,
ס'שטעקט דאָרט ערגעץ אַ קאַוואַדלע
און אַ האַמער ליגט אויך דאָרט!

רייס איך דאַן פון ברוסט מיין האַרץ אויס,
ווי אַ שווערד, באַדעקט מיט ראָסט,
פון איר שייד... און לייג אויף שטאָל דאָס
און צעגליה דאָס אויפן פראָסט.

און כ׳וועל שמידען מיטן האַמער:
קלאַפּ און קלאַפּ! זיי שטאַרק און פעסט!
און עס וועט פון וואַלד דער אָפּקלאַנג
ענטפערן: אָמן, שטאַרק און פעסט!

און מיין האַרץ ווערט פול מיט קרעפטען,
וואָס ס׳האָט קיינמאָל נישט געוואוסט —
שטאַרקער, מוטיגער ווי פריהער
וועט עס קלאַפּען אין מיין ברוסט...

*

אין פעלד

ניין, ניט ווי אַ פֿויגעל, וואָס כאַפּט זיך
פֿון שטייגעל אַרויס מיט געזאַנג,
און ניט ווי אַ לייב, וועלכער רייסט זיך
פֿון גראַטע אַרויס אויף דער וועלט;
אַזוי ווי אַ הונט נאָר געשלאָגען,
געפּייניגט, געמאַטערט גאַנץ לאַנג,
בין איך היינט פֿאַרשעמט און דערשלאָגען
אַנטלאָפֿען אין רוישענדען פֿעלד!

אין טאָל און אויף באַרג!... דאָרטען שטעהען
אין גרינסען באַהאַלטענע הייזלעך,
דאָרט ליגט אויף די מענשען גאָטס ברכה,
און לעבען צופֿרידען און שטיל;
עס וואַקסט זייער נוטס און עס מערט זיך,
זיי זעהען אַ לוין פֿאַר דער אַרבעט —
אַהינצו, אוי, רייסט זיך מיין זעעלע
און ציהט זיך מיין האַרצענסגעפֿיל!

איך געה אום אין פֿעלד און הער צו זיך,
וואָס גאָט רעדט צו מיר דורך די קאָרן,
וואָס סודעט דאָס ווינטעל, זים גלעטענד
די הויכע און שטאָלציגע זאַנגען?
וואָס וויגען זיי טרוימענד די גאָלדענע
פֿולע און האָריגע קעפּלעך?
וואָס שעפּטשען די בלויאינקע בלימלעך,
זיך בויגענד ווי פֿול מיט געדאַנקען?

כ׳באַהאַלט זיך טיף-טיף אין די קאָרן,
עס נעמען אַרום מיך די זאַנגען,
איך ווער, ווי אַ שיפעל אויף כוואַליעס,
פאַרשלעפט אין דעם וואַקסענדען מער;
דער וואַלד שטעהט פון ווייטען פאַרחלומט
און ווינט זיינע בוימער פאַמעליך,
עס סודען זיך זיס גרינע בלעטלעך...
איך שטעה פון דערווייטענס און הער.

איך פאַל צו דער ערד צו דער פייכטער
און גראַב איין אין איר מיין געזיכט טיף,
איך וויין אויס מיט ביטערע טרערען
דעם וועהטיג דעם גרויסען פון הארץ:
מאַמע-ערד! מיין געליבטע, געבענשטע!
פאַרוואָס, זאָג, פאַרטיילסטו פון מיר נאָר
דיין געטליכע, הימלעשע ברכה?
אוי, טיף איז און גרויס איז מיין שמאַרץ!

ס׳איז שטיל אַלץ. די זון האָט זיך הינטער
די בערגער די הויכע באַהאַלטען,
פאַרשלאָסען אין וועגט פון די זאַנגען,
געה שטום איך באַזאַכט אויפן שטעג...
עס האָבען זיך העל-בלויע הימלען
הויך איבער מיין קאָפּ אויסגעצויגען,
און ס׳ציהען אַרום מיר זיך פעלדער
מיט זאַנגען אָהן שיער און אָהן ברעג.

און קלאַרינקע וואָלקענדלעך ציהען
זיך הויך אויף דעם הימעל דעם בלויען,
און קריכען, און שוועבען, און ווארפען
אַ דונקעלען שאָטען געדיכט,
פארהילען די גאָלדענע פעלדער;
עס וויהט זיך אַ שטילינקעס ווינטעל
און וויגט שטיל די גאָלדענע זאנגען,
וואָס טרוימען אין שאָטענס און ליכט.

נאָר אָט האָט אַ ווינט זיך מיט מאכט דורכגעטראָגען,
טיף האָבען די זאנגען צו דר'ערד זיך פארבויגען,
דערשראָקען אזוי ווי אַ טשערעדע שעפסען
איז וויַיט-ווייט אנטלאָפען, פארפלויגען.
זיי האָבען פון באַרג זיך אין טאָל וויַיט פארקייקעלט,
פון טאָל צו דעם רוישענדען וואלד זיך פארטראָגען;
און ס'האָט זיס אַ הימליכער רויש זיך צעגאָסען
און הימליך, פול לעבען געשלאָגען.

וואו לויפט איר, איר זאנגען, וואָס רוישט איר און שטורעמט?
ווער שלאָגט אין אייך כוואַליעס אַזוי ווי אין ים?
פארוואָס, זאָגט, באדעקט איר די פליהענדע פייגעל
מיט כשופדיג-גאָלדענעם פלאַם?
צי ציהט איר אַהין, וואו די וואָלקענדלעך שוועבען?
צי אַ לאַנד לויטער פריהלינג איז אייער פארלאַנגען?
צי אַהין, וואו ס'פארטראָגען די טרוימען די זעעלע, —
אַהין ציהט איר, גאָלדענע זאנגען?

נאָר אָט איז דער ווינט שוין אַנטלאָפן.
עס האָבן די גאָלדענע זאַנגען
אין אומגעשטערט שטילקייט, פאַרחלומט
די קעפּלעך צוריק אָפּגעלאָזן;
נאָר טיף אין מיין הארץ האָט אַ שטורעם,
אַ שרעקליכער, ווישענדער שטורעם
פון האַלב שוין פאַרלאָשענע קוילען
אַן אומגעהויער בראַנד אויפגעבלאָזן.

איך שטעה פאַר דעם פעלד פאַר דעם רייכן,
דעם ווישענדען, פרעהליכען, ברייטען,
און פיל ערשט מיין אָרימקייט איצטער,
און ס'עקבערט אין קאָפּ די געדאַנקען:
ניט איך האָב דאָס פעלד אויסגעאַקערט,
ניט איך האָב מיט קערנער פאַרזייהט עס,
ניט איך וועל, ניט איך, צונויפנעמען
די פולע, באַלאָדענע זאַנגען!

ניט איך האָב אַ וואַרעמען רעגען
פאַר זיי בײַ מיין גאָט אויסגעבעטען,
ניט איך האָב מיט שוויס-טראָפּען הייסע
דאָס פעלד באַדעקט, ווערענדיג מיד;
ניט איך פלעג זיך פרעהען באַטראַכטענד,
ווי ס'גיסען זיך אָן פול די זאַנגען,
און שניידענד — אויף זיי וועט ניט פאַלען
מיין קלינגענדיג-פרעהליכעס ליד!

נאָר דאָך זייט איר טייער מיר, פעלדער!
פון דאַן, זייט כ׳דערמאָן מיינע ברידער,
וואָס אַרבעטען ווייט אין מיין אייג׳נעם,
דעם ליבען, פאַרלאָזענעם לאַנד;
ס׳קאָן זיין, אין דיזעלבע מינוטען
קלינגען הויך זיי׳רע שטימען אלס ענטפער
צום ווייטען און עלענדען ברודער,
וואָס לעבט אין דעם גלות, אין שאַנד!

*

און אמציה האָט געזאָגט צו
עמוס׳ן: „זעהער, אנטלויף׳!
(עמוס, ז׳, יב).

„אַנטלויף׳?— אַנטלויפען וועט דאָך ניט אַ מענשען-קינד, ווי איך!
דען לאַנגזאַם האָבען מיינע רינדער מיך געלערנט געהן,
אויך ריידן האָט מיין צונג זיך קיינמאָל ניט געלערנט גרינג,
און ווי אַ האַק וועט פאַלען שווער מיין וואָרט אויף אייך אליין.

און אויב מיין קראַפט האָב איך פאַרשוועגדט אומזיסט— איז ניט מיין שולד!
דען אייער זינד איז עס, און טראָגט פון אייער זינד די לאַסט:
עס האָט מיין האַמער ניט געפונען אונטער זיך דעם שטאָל,
און ס׳האָט מיין האַק געטראָפען אין פאַרפוילטען האָרץ מיט האַסט...

נאָר ס׳אַרט מיך ניט. דען שלום שליסען וועל איך מיט מיין גורל איצט,
און אָנבינדען וועל איך מיין ווערקצייג צו מיין גאָרטעל שטום,
און ווי אַ טאָג-פאַרדונגענער, וואָס איז פון לוין געדזיבט,
וועל איך זיך לאַנגזאַם אומקערען אַהין, פון וואַן איך קום.

און אומקערען וועל איך מיך צו מיין שטילער היים אין טאָל,
און שליסען וועל איך הייליג מיט די וואַלד-בוימער אַ בונד...
דאָך איר, פון גרויס ביז קליין, איר זייט צעפרעסען און צעפוילט,
און מאָרגען וועט אייך אַלעמען אַוועקטראָגען דער ווינט...

*

צום ווינט מיינע זיפצען געוואָרפען...

צום ווינט מיינע זיפצען געוואָרפען,
אין זאמד מיינע טרערען פארלאָרען...
ווינט! זאָג, אויב דו טרעפסט וואו מיין ברודער,
אז קויל איז פון מיר איצט געוואָרען.

און זאָג אים: ערשעפט איז מיין ליכטקוואל
און טראָפענווייז איז ער פארדאָרבען,
דאָס העלישע פייער פון הארצען —
א פונק נאָך א פונק אָפגעשטאָרבען.

און איצט — ווי א וואונד איז מיין ליכטקוואל,
ער טריפט נאָר אין מאנבע מינוטען,
און ס'רויכערט מיין הארץ זיך פארבאָרגען,
געוואלגערט אין פייער און בלוטען.

*

אויפן בית־עולם

שטיל האָבען די בוימער צו מיר זיך געבויגען:
רוהה אָפּ אינם שאָטען, דו פּרוב דיך דאָ לייגען..

א מצבה אזא און אזא בערגעל ערד —
און יעטווידער צער וואָלט גלייך אויפגעהערט.

וואָס טויגען דיר הונדערטער טויטען א טאָג? —
שטאַרב איין מאָל און ווערסט מער ניט וויסען קיין קלאָג!...

מיר וועלען צעטיילען זיך שטיל מיט דיין קראַפט:
א טייל פאַר די ווערעם, א טייל אונז אויף זאַפט...

דען איבעראַל פליסט עס דאָס לעבען מיט שוים —
קאָנסט בליהען אין בלימעל, קאָנסט בילדען א בוים.

ווערסט אומעטום לעבען — און ס׳וועט דיר זיין גוט...
דו קום נאָר צו אונז! אַהער, פלייש־און־בלוט!

*

וואו ביסטו?

פון דאָרטען, וואו דו ביסט, מיין איינציגע באַשערטע,
אין שכינה פון מיין טרוים, געגלוסטע און באַגערטע, —
אַנטפּלעק זיך שוין און קום, און קום געשווינד פון דאָרט
אין מיין באַהאַלטען אָרט.
און כּל-זמן ס׳איז נאָך צייט — קום מיר אַ תּיקון געבען
און קעניג אויף מיין לעבען,
און גיב מיר מיין גערויבטע יוגענט היינט צוריק —
און ברייננ מיך אום צחאָמען מיט מיין גליק.
און אונטער דיינע ליפּען זאָל מיין פונק דערגליהען,
און לאָמיך צווישען דיינע בריסט מיין טאָג דערציהען,
ווי צעטעטוליעט פעסט צום בלומענשוים
אַ שמעטערלינג פאַרנאַכט געהט אוים.

וואו ביסטו?

אַז דו ביסט נאָך געווען אַ ווייטע אומבאַקענטע —
שוין פלעגען רופען דיך די ליפּען די צעברענטע;
און מיין געלעגער האָסטו גאַנצע נעכט געהיט,
און ווי אַ פייער-קויל באַ מיר אין האַרץ געגליהט.
און כ׳האָב געוויינט באַנאַכט, מיין קישען שטיל געביסען,
און ס׳האָט מיין לייב געשמאַכט און זיך צו דיר געריסען;
און אויף דער ברייטער גמרא גאַנצע טעג פאַרטרוימט,
אין וואָלקענדעל מיט גאָלד באַזוימט,
אין לויטערסטען געבעט, אין מיינע ריינסטע פריידען
און אין די הייליגסטע פון מיינע ליידען —
האָב איך נאָר איינס געגאַרט, נאָר איינס פאַרלאַנגט האָב איך:
נאָר דיך, נאָר דיך, נאָר דיך...

*

זי האָט מיר געשיקט אַ בריוועל,
און אין בריוועל שטעהט געשריבען:
„אַלץ, וואָס ס׳האָט געליבט מיין זעעל נאָר,
אַלץ, פון וואָס מיין גייסט געטרוימט האָט,
אַלץ, וואָס איז געווען מיין חיות,
און מיין בּיינקשאַפט און מיין גלויבען —
איז דאָס אַלץ, דו פריינט מיין הארצענס,
קוואל מיין לעבענס, זעעל מיין זעעלעס, —
איז דאָס אַלץ געווען אַ חלום?...

האָסט פארגעסען? ניין, דו קאָנסט׳ס נישט!
ניין, דו קאָנסט ניט דאָס פארגעסען,
וואָס אַריינגעפלאַנצט אין אונזער
אָטעם האָט איינאיינציג לעבען;
וואָס איין זון האָט אָנגעצונדען
איבער אונזער ביידענס הימעל;
וואָס׳ט איין גינגאָלד-טרוים געגאָסען
אויף דעם גייסט און אונז באהעפטען...
ניין! דו וועסט ניט וואגען רייסען
יענע בלום, וואָס גאָט אַליין האָט
איינגעפלאַנצט אין אונזער הארצען"...

און ווי כ׳האָב דעם בריוו געלייענט,
האָט וו׳אַ האנט אַ וויכע, צארטע
אויסגעקריצט אין הארצען מיינעם
נאָך אַמאָל די ווערטער אירע:
„ניין! דו וועסט נישט וואגען רייסען
יענע בלום, וואָס גאָט אַליין האָט
איינגעפלאַנצט אין אונזער הארצען"...

און אין גאָלד פון ליכט דעם קלאָרען,
וועלכעס שטראָמט אַריין דורך ס'פענסטער
אין מיין צימער, שטעהט אויף ווידער,
שיינט פאַר מיר איר עבענבילד;
ס'איז זי אין איר גאַנצער ריינקייט,
ווי אויף פליגלען פון דעם ווינט לייכט,
שוועבענדיג ווי'א זומער-פויגעל,
דורכאויס ליכט, אַליין דער ליכט-גלאַנץ,
ווי פון ליכט צום ליכט באַשאַפען...
און אָט זענען אירע אויגען,
טויבען-אויגען פול מיט שווייגען,
וואָס פון זייערע שוואַרצאַפּלען
שטראַלט שטיל-שטיל דאָס ליכט פון פרידען,
ס'ליכט פון חסד, זעעלען-ריינקייט.
און אין גאָלד פון ליכט דעם קלאָרען
שטעהען אויף מיט שטומען פאָרוואורף
איצט פאַר מיר די אויגען אירע,
טויטען מיך מיט זייער שטראָף-בליק,
קוקען שטיל אַזוי און פרעגען:
„אַך, מיין ליבער, איז געוועזען דאָס
אַלץ נאָר חלום, פאַלשער כשוף?"

ניין, מיין ריינע! כ'האָב געליבט דיך,
און איך ליב דיך אויף אַן אמת;
ווען אַפילו כ'האָב פאַרלאָזט דיך,
האָב איך עס געטאָן אויס ליבשאַפט.
ביסט צו ריין צו זיין מיין פריינדין,
ביסט צו הייליג מיט מיר זיצען;
זיי-זשע מיר מיין גאָט, מיין מלאך,
צו דיר וועל איך בעטען, דינען;

זיי אָן אַנדיינק מיר פון קדושה,
שיין מיר אין די זונען־שטראַלען,
ווינק צו מיר פון הימעלס שטערן,
רוף צו מיר פון מיין האַרצ׳ס דופק,
ציטער אין מיין טרערס אַ טראָפּען... —
בין באַשאַפען דיר צו דינען!
מיינע טרערען, מיינע זיפצען
מיין האַרצ׳ס שלאָגען און מיין אָטעם,
אויך דעם לעצטען חלום מיינעם,
וועל איך ברייננען דיר אַלס אָפּפער
ביז מיין לעצטער טאָג וועט קומען.

*

זיי אַ שוץ מיר...

זיי אַ שוץ מיר, זיי אַ שוועסטער
און אַ מאַמע מיר אַפּילו,
לאָז מיין קאָפּ אין שויס דיר לייגען
אויסצוגיסען דיר מיין תּפלה...

און פאַרנאַכט, אין צייט פון רחמים,
וועל איך עפנען דיר מיין טענה!
מ׳זאָגט, ס׳איז ערגעץ דאָ אַ יוגענט —
וואו איז מיינע?

נאָך אַ סוד נאָך וועל איך פאַרטרויען:
כ׳בין פאַרברענט פון שעה׳ן טריבע;
מ׳זאָגט, ס׳איז ליבע אויף דער וועלט דאָ —
וואָס איז ליבע?...

שטערן האָבען מיר באַטראָגען,
און דער חלום איז קיין וואָר נישט;
איצטער אין דער וועלט דער גאַנצער
האָב איך גאָרנישט...

זיי אַ שוץ מיר, זיי אַ שוועסטער
און אַ מאַמע מיר אַפּילו,
לאָז מיין קאָפּ אין שויס דיר לייגען
אויסצוגיסען דיר מיין תּפלה...

*

בײַנאַכט

ס׳שיט די שטילע נאַכט מיט סודות,
ס׳איז די גאַנצע װעלט אַנטשװיגען;
נאָר די װאַסער-מיל — זי װאָרפט זיך,
לאָזט דעם טײַך ניט רוהיג ליגען...

ס׳װערט די שװאַרצקײט אַלץ געדיכטער,
שאָטענס מערען זיך און מערען;
זאַכט אין ים פון נאַכט און שװאַרצקײט
פאַלט אַ שטערן נאָך א שטערן...

שטיל אַרום. מײַן האַרץ נאָר, פיל איך,
װיל ניט שװײַגען, װיל ניט שטומען,
און איך הער אַ קװאַל א רײַנעם
אין מײַן האַרצען רױשען, ברומען...

און עס רעדט פאַמעליך: „קינד מײַנס,
ס׳װערט מקוים דײַן באַגערען.
זעהסט, אַ שטערן פאַלט פון הימעל,
גלױב, מײַן קינד, — ס׳איז ניט דײַן שטערן!

דײַנער זיצט נאָך פעסט און פינקעלט
אין דער שטערן-קײט דאָרט אױבען;
גיב אַ קוק, דו זעהסט? — ער װינקט דיר,
און זײַן בליק איז טרײסט און גלױבען"...

און איך קוק אַהין צום שטערן,
װי עס װערט די װעלט אַנטשװיגען — —
מײַן װעלט, װײס איך, איז נאָר אײנע —
כ׳פיל זי אין מײַן האַרצען ליגען...

*

V

פאלקס-לידער

צווישען פרת, חדקל — דאָרטען...

צווישען פרת, חדקל, — דאָרטען
בליהט אַ פייגענבוים אין גאָרטען,
און אַ פּאַווע אין די צווייגען
זיצט אַ גאָלד'נע, פּיקט די פייגען.

פּאַווע, פליה אין ווייטע ערטער:
דאָרט איז ערגעץ מיין באַשערטער;
טרעפסט אים — זאָלסט אים גאָרנימ' זאָגען,
בינד און ברייננ מיר אים צוטראָגען!

האָסט קיין פּאָדעם ניט פון לייַנען? —
פּרוב מיט גוטען מיט אים טענען:
זאָג אים, פּאַווע, זאָלסט געדיינקען,
אַז איך שטאַרב אַוועק פון בייַנקען.

זאָג, אַ גאָרטען בליהט אַ שיינער,
נאָר עס וויים דעם וועג ניט קיינער,
און אַן עפּעל זאַפטיג-זיסען
איז ניטאָ, ווער ס'זאָל געניסען.

ווידער זאָג אים דאָרט מיין חתן:
ס'ווערט באַנאַכט מיין בעט באַגאָסען
פון די טרערען, — און מיין קישען
ברענט אונטער מיין לייַב דעם פרישען.

ווייל ער ניט — טאָ זאָג אַ סוד אים:
אויסגעניייהט מיט זיידען-פאָדעם
ליגען צוויי טוץ העמדער גרייטע,
חופה-קליידער — שוין געניייהטע;

פוך און פעדערען געפליקטע,
ציכלאַך זיידענע געשטריקטע: —
ס'האָט מיין מאַמע און מיין באָבע
אָנגעגרייט מיין גאַרדעראָבע.

גאָלד-געוועבט און פרעכטיג זעהר
ליגט און וואַרט מיין חופה-שלייער;
גרייט נדן, איך בין אַ גרייטע, —
וואָס-זשע זאַמט ער זיך דער שוטה?...

*

— ווייער, שלייער, חופה-שטאַנגען —
האָט די פאַווע אָנגעפאַנגען, —
היינט באַנאַכט וועט דיין באַשערטער
וויסען דיינע הייסע ווערטער.

כ'וועל פונדיינעטוועגען אים געריסען,
ווייזען אים דיין בילד דעם זיסען, —
וועט ער קומען פון דערווייטען
אויף אַ קאָטשערע צורייטען.

ער וועט קומען שנעל צושוועבען
און וועט זאָגען: — אַך, מיין לעבען!
וואָס מיר קליידער, ווער מיר געלטער! —
איך האָב דיך פון אַלע העלטער.

כ׳וויל פון פוך און זייד ניט וויסען,
ס׳איז פאר מיר דיין שויס א קישען,
און דיין האָר איז זיידענס ריינער, —
ביסט מיין אוצר דו אליין נאָר.

רייך געגנוג איז דיין געטרייער:
שווארצע האָר, א הארץ מיט פייער,
ביידע איז דיר אָפגעגעבען, —
קום זשע, קום צו מיר, מיין לעבען!

*

ס׳איז א צויבערנאכט געקומען
און די פאחע איז פארשוואומען,
צו די הימלען אויפגעשטיגען
און געזאָגט, ווייזט אויס, א ליגען.

טעג נאָך טעג זיינען פארלאָפען
און איך האלט נאָך אלץ אין האָפען;
קלאָרע הימלען, הימלען זיבען!
ווייסט איר אפשר פון מיין ליבען?...

*

אין מיין גאָרטען

אין מיין גאָרטען האָט אַ ברונען
מיט אַן עמער זיך געפונען;
אַלע שבת קומט דעריבער
טרינקען וואַסער דאָ מיין ליבער.

אַלע בוימער שטעהען שטילע,
ס'שלאָפט דאָס ווינטעלע אפילו;
נאָכן טשאָלנט, אַלע שלאָפען,
נאָר מיין הארץ איז וואַך און אָפען.

ווי מיין הארץ, דער עמער וואַכט,
טריפט זיין גאָלד אין ברונען זאַכט,
טריף אַ פּערל, טריף אַ צווייטער:
אָט-אָ געהט ער, אָט-אָ געהט ער...

שאַ, מיר דוכט, עס הערט זיך טריט!
איז דאָס ער? און אפשר ניט?...
גיכער, גיכער קום מיין שיינער!
כ'בין אַליין און ווייטער קיינער...

זעצען מיר זיך דאָ באַם וואַנט,
קאָפּ צו אַקסעל, האַנט אין האַנט;
כ'וועל דיר פרעגען אַ פּאָר זאַכען,
זאָלסט, איך בעט דיך, נאָר ניט לאַכען:

זאָג, פאַרוואָס דער עמער, זאָג,
וויינט און וויינט אַ גאַנצען טאָג?
טריף, טריף, טריף — און מאָדנע רייד
רעדט ער עפּעס שטילערהייט...

און פון וואַנען קומט דער שמאַרץ,
ווי אַ וואָרעם נאָגט דאָס האַרץ? —
ס'האָט געהערט מיין מאַמע ריידען,
אַז דו ווילסט זיך מיט מיר שיידען?...

זאָגט מיין ליבער: — „געה שוין, געה!
שונאים זאָגען דאָס אַזוי, —
נאָך אַ יאָר, אַז גאָט וועט וועלען,
וועלען מיר אַ חופּה שטעלען.

אַ גאָלדנער זומער-טאָג וועט זיין,
וועט אונז באַגיסען מיט זיין שיין,
און באַגריסען וועט אונז יעדער,
צווייג מיט פּירות פון די סעדער.

פעטערס, מומעס, פריינט געדיכט,
אַ עולם מענשען, הענט מיט ליכט,
און סע וועלען אונז באַגלייטען
פידלען, פויקען און טרומייטען.

נעבען פלייט, צי נעבען שטיין,
— קלייב אויס, וואו דו ווילסט אַליין, —
וועלען שטעהן די חופּה-שטאַנגען,
וועסט אַ פינגערעל דערלאַנגען;

און איך וועל דיר פיין און גלאַט
אָפּזאָגען דעם „הרי-את“, —
שונאים וועלען שטעהן און קוקען
און פון קנאה זיך צעפּוקען“...

*

נעבען טייכעל שטעהט אַ פיכטע...

נעבען טייכעל שטעהט אַ פיכטע
אַ פאַרצווייגטע, אַ געדיכטע,
קוקט אין וואַסער, האַלט אין קלערען, —
וואָס דער כוף פון איר וועט ווערען?...

אויסגעוואַקסען, רייף געוואָרען;
ס׳לויפען בּיסלעכווייז די יאָרען;
הערבּסט... די זון הערט אויף צו שיינען, —
און די פויגעלאַך וואו זיינען?...

און בּאַ זיך אין צימער שטעהט
ס׳מיידעל לאַנג פאַרטראַכטערהייט,
קוקט אין שפּיגעל האַלט אין קלערען,
וואָס דער סוף פון איר וועט ווערען?...

אויסגעוואַקסען, רייף געוואָרען;
ס׳לויפען בּיסלעכווייז די יאָרען;
נעכט פון טרערען, טעג פון קלערען, —
וואו זיינען די קאַוואַלערען?...

*

ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע

ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע:
רויטע סטיינגעס, ווייסע קליידער;
און אין סעדעל נאָכן טשאָלנט
לאַכט מען, קושט מען זיך כּסדר...

ס'איז אַרויס אַ נייע מאָדע:
שיכלאַך, טיכלאַך און פּאַרפומען; —
און אַרום איין מיידעל טאַנצען
בּחורים אַ גאַנץ מזומן.

נייע מאָדעס היינט פאַראַנען:
נעכטען רייזלען, מאָרגען חנהן;
אָבער חאַצקעלע מיין שיינער
איז פאַר מיר, פאַר מיר אַליין נאָר!

*

ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט

ניט באַטאָג און ניט באַנאַכט —
געה איך מיר ארויס באַזאַכט;

ניט אויף באַרג און ניט אין טאָל —
שטעהט אַ ווערבע פון אמאָל.

און אַ נביא׳טע אַ גרויסע
איז די ווערבע, אַלצדינג ווייס זי.

באַ דער ווערבע וועל איך וועגען
מיין באַשערטען טאַקע פרעגען.

און זי וועט מיר אַלץ דערצעהלען:
צי מיין חתן קומט פון פוילען,

צי פון ליטע, צי פון זשאַמעט?
אַ באַנקיר, צי אַ מלמד?

קומען איז באַשערט צופוס אים,
צי מיט ברענענדיגע סוסים?

און וואָס בריינגט ער מיר? — כ׳וואָלט וועלען
פערל מיט אַ שנור קאַרעלען...

איז ער אַ בלאָנדער? אַ ברונעטער?
נאָך אַ בחור? אַ געגטער?

אפשר גאָר אַן אַלטען אידען?
בּין איך, ווערבּע, ניט צופרידען!

איך וועל זאָגען: טאַטע, טויט מיך,
נאָר ניט צו דעם שידוך נויט מיך!

אַוי, איך וועל דאָס ניט דערהאַלטען:
כ׳וויל ניט, טאַטינקע, קיין אַלטען!

*

מע ווייס ניט, ווער איז זי,
פון וואַנען געקומען —
און באַלד האָט זי אַלעמענס
אויגען פאַרנומען.

געקומען פון ערגעץ
אַ ווייטער מדינה
מיט האַרציגע אויגען
און ליכטיגער מינע;

און לופטיג און דופטיג
און לוסטיג צום טאַנצען, —
דאָס שטעטעלע האָט זי
פאַרלויכטען אין גאַנצען.

אין וועלדעל אין גרינעם
געוואָרען איז הימלאַך,
עס לאַכען די קוסטען,
עס טאַנצען די בוימלאַך.

און ס'איז נאָך אַ טאָג
אָדער צוויי ניט פאַרלאָפען,
און בחורים קאָנען
שוין נעבעך ניט שלאָפען;

·

און ס׳איז נאָך אַ טאָג
אָדער צוויי ניט אַריבער, —
און ס׳ריידען שוין מאַנען
מיט ווייבלאַך זיך איבער.

און ס׳שושקען זיך ווייבער
באַם שטריקען די זאָקען,
און אַלטע לייט „אייקען"
אַביסל צעשראָקען.

און עלטערן האָבען
קיין נעכט ניט געשלאָפען:
ווער וויים, וואָס עס האָט
מיט די איידעמס געטראָפען?...

אין איינעם אַ שיינעם
פריהמאָרגען — ניטאָ איר! —
אויף אַלץ איז געפאַלען
אַ שאָטען פון טרויער.

געפלאַטערט אַ שמעטערלינג
צווישען די בלומען, —
און פלוצלינג פאַרשוואונדען,
ווי פלוצלינג געקומען.

געוואָרען אַ אומעט
אין וועלדעל אין טיפען,
מע הערט שוין דאָרט קיינעם ניט
לאַכען און שטיפען.

אַ פּאָר טעג גערעגענט
אַ בלאָטע געוואָרען;
די אויגען — דעם גלאַנץ
און דעם פייער פאַרלאָרען.

אַ בחור זיצט אַרטיג
און לייענט גאַזעטען...
חתנים און כּלות —
זיך איבערגעבעטען.

עס זיצען פּאָר-פּאָלקען
ווי שטילינקע טייבלאַך
און איידעמלאַך גענעצען
נעבען די ווייבלאַך.

און שטיל זיינען איצט
יענע פינסטערע געסלאַך,
וואו ס'פלעגען אַרומדרייען
זיך בעל-הביתלאַך.

און טאַטעס און מאַמעס —
זיי שלאָפען די נעכט שוין;
און אַלטע — מע הערט זיי ניט
אייקען און קרעכצען.

הכּלל: אַ מחיה
און שטיל אַ פאַרג'ניגען,
עס קרייען די הענער,
עס מעקען די ציגען.

*

גלין־גלינג — שוין ניטאָ איר...

„...גלין-גלינג — שוין ניטאָ איר, גלין-גלינג — אָט מיר פאָרען;
גלין-גלינג — און פאַר דיר איז שוין אַלעס פאַרלאָרען...״

דער מזל האָט, ליבסטע, געוואָלט אונז צעטיילען,
און ב׳האָב נאָך אַזוי פיל געזאָלט דיר דערצעהלען;

נאָר אומגעריכט, פּלוצלינג — מיר האָבען צעשיידט זיך
און כ׳האָב נאָך אַ וואָרט דיר צו זאָגען געגרייט זיך:

חדשים האָב איך אים אין הארצען געטראָגען
און אַלץ זיך געקליבען: אָט, אָט איך וועל זאָגען.

מיט איינמאָל איך הער: — „נו, אַ גוטען, מיין ליבער!״ —
אַ קנאַק מיט דער בּייטש — און אַליין בּלייב איך איבער.

דו פליהסט מיט אַ שטויבּיגען וואָלקען אינאיינעם,
אָט ביסט שוין באַם וועלדעל דעם גרינעם, דעם שיינעם;

איך זעה נאָך עס פלאַטערט דיין שאַלכעל דער ווייסער,
איך הער נאָך דעם וויטיגען „היי!״... פון דעם שמייסער,

און קוים עס דערטראָגט זיך צו מיר פון דערווייטען
דאָס שפּאָטישע קלינגען פון גלאָק דעם פאַרשייטען:

„גלין-גלינג — שוין ניטאָ איר, גלין-גלינג — אָט מיר פאָרען,
גלין-גלינג — און פאַר דיר איז שוין אַלעס פאַרלאָרען...״

*

יענער האָט אַ הויכען מויער

יענער האָט אַ הויכען מויער,
דער — אַ שטיבעלע אָהן שויבען; —
חיה די אלמנה האָט
אַ נעסטעלע, געבענטשט פון גאָט,
אַ נעסט מיט זיבען טויבען.

איינע שווארץ און איינע קלאָר
און איינע האָט געקרויזטע האָר,
איינע אין איינע מיידלאַך ברען! —
ניט ליבען אַלע זיבען קען
אַ פרא-אדם נאָר...

איינער האָט געפילטע שלייען,
איינער האָט אַ טאָרבע קלייען,
ווילסט אָבער אַ שנאַפּס מיט טאָרט,
דאַרפסטו ניט קיין אַנדער אָרט,
ווי בּאַ אונזער חיהן.

ס'איז אַ אוצר מיט אַנטיקען:
לעקעכלאַך מיט הייסע בליקען,
און עס שפּילט אין גלאָז די טיי,
ס'שטיבעל ריין, דער טישטוך — שניי,
פּשוט צו דערקוויקען!

שלמה האָט זיך טויזענט ווייבער,
איך האָב איינע, קאָן זי שרייען;
זאָל מיר צו קיין גנאי ניט זיין,
און אָווענט כאַפּ איך מיר אריין
אַ ווײַלינקע צו חיהן.

קום איך נאָר, באַפאַלען מיך
די טײַבעלאַך פון אַלע זײַטען:
ס׳ווערט אַ פּלאָנטער — הענט און פיס,
אַזוי מחיהדיג און זיס! —
די מאַמע קוועלט פונוווייטען.

*

ווער ס'האָט פּערל

דער פאַרמאָגט פּערל
און זיידענע בגדים,
און יענער — קדחת
מיט כשרע פּאָדים.

און איך האָב דריי טעכטער,
דערוואַקסענע מיידען, —
זיי דאַרפען שוין מאַנען,
ניטאָ וואָס צו ריידען!

זיי דאַרפען שוין מאַנען,
וואו זאָל איך זיי זוכען? —
איך האָב ניט צו קליידען
איך האָב ניט צו שוכען.

היינט וויל יעדער חתן,
(נו, וואָס קאָן איך טון אים!):
צעהל אָפּ און דערלאַנג
די נדן מזומנים.

נו, געהען אַוועק
די חתנים מיט גאָרניט;
אַ שאַנד און אַ וועהטיג,
עס מאַכט זיך קיין פּאָר ניט.

דער „כיבוד" שפּאַצירט,
— און דער זעלביגער דוקא, —
פון שאַפקע צום טיש
און פון טיש צו דער שאַפקע.

דער „כיבוד״ — דאָס זיינען
די דריי אַפּעלסינען,
וואָס העלפען מיר זוכען,
חתנים געפינען;

און ניסלאַך אַ טעשעל,
וואָס יעדערען ווייז איך...
און יוגענט פאַרגייט
און כאַטש נעם און צעריים זיך!

און יוגענט פאַרגייט...
און פון טעג ווערען יאָרען, —
די עלטערע נעבעך,
שוין גרוילּיך געוואָרען.

די דריי אַפּעלסינען —
זיי פוילען צו ביסלאַך,
דער טישטוך פאַרשעמט
און פאַרשימעלט די ניסלאַך...

יאָ, ס׳וועגדט זיך אָן מזל:
דעם — זיידענע בגדים
און יענעם — קדחת
מיט כשרע פּאָדים;

און איך האָב דריי טעכטער — — —
— — — — — — — — — — — —

*

איינס, צוויי, דריי, פיר...

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבען, —
קריגסט אַ כלה — ניט געקליבען!

קלער קיין סך ניט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אויס, איז מיאוס!

איך האָב אויך אַמאָל געפּתען
האָניג, נאָר עס איז צערונען.

איינע עטקע — אַ ברונעטקע,
איינע מינקע — אַ בלאָנדינקע,

שוועסטער — פּאַפּקעס צוויי געטאָקטע,
אויגען קאַרשען, קעפּ געלאָקטע,

ניט קיין מיידלאַך, פּשוט בילדער,
איינע פון דער צווייטער מילדער;

זייער לאַכען! זייער ריידען! —
און איך האָב געליבט זיי ביידען;

און כ'האָב ניט געוואוסט דעריבער,
וועמען פון זיי האָב איך ליבער.

איז אַוועק אַ פּאָר מאָנאַטען,
און איך האָב מיך אַלץ בעראַטען, —

פּלוצלינג האָבען אַ פּאָר שדים
אויסגעכאַפּט, אוי ועה, זיי ביידען!

איצטער שטעה איך אויף דער עלטער,
ווי אַ נאַר אַן אויסגעשטעלטער.

ווי אַן אַלטער, אַלטער למך,
און איך דאגה און איך קלעם מיך...

על כּן זאָג איך, קאַוואַלערען, —
אויב איר ווילט מיין עצה הערען:

איינס, צוויי, דריי, פיר, פינף, זעקס, זיבען, —
קריגסט אַ כּלה — ניט געקליבען!

קלער קיין סך ניט, מאַך קיין שהיות:
כאַפּט אַ צווייטער אויס, איז מיאוס!

*

גלויב ניט...

גלויב ניט, וואָס עס ווינקען דיר
און ס'זאָגען צו די שטערען:
גנבים, ליגנער זיינען זיי,
ניטאָ זיי וואָס צו הערען.

אמאָל נאָך האָט א שטערען מיר
אנטקעגען שטוב געפינקעלט,
געגריסט, געטרייסט און האָט מיט גאָלד
מיין האָפענונג באשפרינקעלט.

און ווערטען האָט ער צוגעזאָגט מיר
אויף זיין צויבער-לשון,
און עד היום בין איך אויף צרות,
חלש פאַר א גראָשען.

איז שיין אזוי צו זאָגען ליגען,
שטערענדעל פון אויבען!
פיין!... אזוי באצאָלט מען דאָס
פאַר האָפען און פאַר גלויבען?...

גלויב ניט, וואָס עס ווינקען דיר
און ס'זאָגען צו די שטערען,
גנבים, חונפים זיינען זיי,
ניטאָ זיי וואָס צו הערען.

*

פליהט אַוועק די גאָלדנע פּאַווע

פליהט אַוועק די גאָלדנע פּאַווע,
— וואו זשע פליהסטו, וויל איך וויסען?
— כ׳פליה איבּערן גרויסען ים...
— ווּעסטו דאָרט מיין חתן גריסען?
— גוט, איך בּריינג א בּריוול דיר,
וואָס ער שרייבּט דיר דאָרטען, ווייס איך:
„טויזענט קושען, און די חופּה
גלייך, אם-ירצה-השם, נאָך פּסח״.

*

עס טרעפט, דו מיינסט...

עס טרעפט, דו מיינסט, דו כאַפּסט אַ רויז
און לאָזט זיך אויס — אַ דאָרען:
האָסטו, ברודער, ניט קיין מזל —
ווער גאָר ניט געבאָרען!

ווער וואָלט דאָס גערעכענט גאָר
און ווער וואָלט דאָס גאָר קלערען,
אַז אַזאַ מין בייזען סוף
וועט מיר גאָט באַשערען...

קיין טאַטע-מאַמע ניט געהאַט
און ניט געהאַט אַ פּרוטה,
האָב איך געלערנט שוסטעריי
באַ שואל דעם לאַטוטע.

האָט אים גאָט געשיינקט צוויי טעכטער:
פּערעלע און מייטע, —
די ערשטע שיין, ווי גאָר די וועלט,
אַ מיאוסקייט די צווייטע.

כ'האָב פּערעלען דערזעהן בין איך
געוואָרען אַ צעקאָכטער!
און טאָג און נאַכט האָב איך געקלערט
נאָר וועגען שואלס טאָכטער.

ויהי היום, רופט ער זיך אָן:
איך מיין... היות... אַזוי ווי...
דו ביסט אַ עלענטער... און איך,
איך מיין דאָך נאָר דיין טובה...

און איך, נו, האָב אַ כשרע,
אַ אָרענטליכע בתולה, —
בכן, פארשטעהסט... מען דאַרף מיט דיר
ניט ריידען דאָך קיין פולע!...

און ער האָט ניט לאַנג געוואַרט,
געמאַכט דעם עסק שנעלער:
בראָנפען, קיכלאַך... און אַ תּנאים
און געבראָכען טעלער.

נאָר אַ קליינער בייזער טעות,
הערט איר, איז געשעהן דאָ:
איך מיין פערעלען, זיי — מייטען,
און אַ סוף, אַ ענדע!

אַזוי האָט דאָס מיר אָפּגענאַרט
רב שואל אויף אַ שטייגער,
און האַלט זיך, ברודער, מיטן פּעקל,
האַלט זיך מיט דיין פגר!

— האָסטו, ברודער, ניט קיין מזל, —
ווער גאָר ניט געבאָרען!
אָדער נעם און הייננ זיך אויף
נאָך אין די יונגע יאָרען...

*

פופציג עקזעמפּלאַרן זייַנען נומערירט·
געדרוקט אויף גוט פּאַפּיר·
געבונדן אין לעדער.